YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i51

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 51
December 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 51)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/207

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפת. (איוב, כ״ז, 6.)
אן פיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. V. No. 51. New York, Friday, December 21, 1923. פרייטאג, 21טען דעצעמבער, 1923 PRICE 3 CENTS

קלאוק און דרעס דזשאינט באארד נעמט אן די אינטערנעשאנאל רעפארם־פראגראם

אלע 10 פונקטען זיינען אנגענומען געווארען אהן אירגענד וועלכער ענדערונג.

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", איז אויף דעם מיטינג פון דער קלאוק און דרעס דזש. באארד אויפגענומען געווארען דער רע־פארם־פראגראם, וואס איז אויסגעארבעט געווארען פון אונזער דזשענעראל עקזע־קוטיוו באארד אויף דעם זעקסטען פער־טעל־יעהרליכען מיטינג אין שיקאגא, מיט א קורצער צייט צוריק.

דער פראגראם ענטהאלט 10 פונקטען, און לויט א באשלוס פון דעם דזשאינט באארד איז יעדער פונקט אויפגענומען גע־ווארען באזונדער פאר א דיסקוסיע, און עס האט דעריבער גענומען א לענגערע צייט, איידער מען איז איבערגעגאנגען אלע פונקטען. דאס איז געטאן געווארען אויף עטליכע רעגעלע מיטינגען פון דעם דזשאינט באארד, נאך דעם ווי ער איז פארטיג געווארען מיט זיין געוויינליכער ארבעט, און אויף א ספעציעלען מיטינג, וואו עס איז בלויז דיסקוטירט געווארען די פראגראם. ביי די מעהרסטע פון די מיטינגען זיינען אנוועזענד געווען פרעזי־דענט זיגמאן, סעקרעטאר באראף און די דעלעגאטען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס געפינען זיך אין ניו יארק, און זיי האבען זיך באטייליגט אין דער דיסקוסיע וואס איז פארגעקומען איבער יעדען פונקט באזונדער. און די דיסקוסיע איז געווען א זעהר אינטערעסאנטע אין אלע פרטים.

אלזא, נאך א גרינדליכער דיסקוסיע איז דער גאנצער פראגראם אנגענומען געווארען אויף דעם לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד, פרייטאג אווענט, דעם 14טען דעצעמבער, נאך דעם ווי אלע פונק־טען זיינען גאנץ ברייט באשפראכען גע־ווארען פון אלע דעלעגאטען, וואס האבען זיך געמאלדען צום ווארט.

דער אינטערנעשאנאל פראגראם וועט זיין דער באזיס פאר די נייע פארדערונגען וואס וועלען ארויסגעשטעלט ווערען צו די באלעבאטים, ווען עס וועט אויסקומען צו רעדען מיט זיי וועגען באנייען די אגרי־מענטס אין דער לײדיס גארמענט אינ־דוסטרי איבער'ן לאנד. עס איז קיין פרא־גע ניט, אז ווען די פונקטען פון דער פרא־גראם וועלען פארקערפערט ווערען אין די אגרימענטס מיט די באלעבאטים וועט עס פיל פארבעסערען די לאגע פון די מיטגלי־דער פון אלע אונזערע לאקאל יוניאנס.

אט זיינען די אלע 10 פונקטען:

1. די איינפיהרונג פון א פערציג־שטונדיגער ארבייטס־וואך אין דער ניו־

(שלוס אויף זייט 6)

אבדזשעקשאן קאמיטע פון לאקאל 1 ביי דער ארבייט

מאנטאג און דינסטאג זיינען פאר־געקומען די זיצונגען פון דער אבדזשעק־שאן־קאמיטע פון דער קלאוק־אפרייטארס יוניאן לאקאל 1, וועלכע דארף אכטונג געבען אז די וואהלען וואס דארפען באלד פארקומען אין דעם לאקאל זאל צו־געהן עהרליך.

ביי די זיצונגען פון דער אבדזשעק־שאן־קאמיטע איז אנוועזענד געווען א ספעציעלע קאמיטע פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטער־נעשאנאל, וועלכע פרעזידענט זיגמאן האט אפאינטעט. די קאמיטע איז בא־שטאנען פון די וויס־פרעזידענטען פערל־שטיין, זיידמאן און רייזבערג. זיי זיי־נען גראדע געווען אין ניו־יארק און פרעזידענט זיגמאן האט זיי אויסגעקלי־בען אין דער קאמיטע.

אין לאקאל 1, ווי באוואוסט, געהט אן שוין זייט א לענגערע צייט א פראק־ציע־קאמף, און נאך יעדען וואהל וואס עס איז אין די לעצטע פאר יאהר פאר־געקומען אין דעם לאקאל, איז אלע מאל געבליבען נאכוועהען. די פראקציע וואס האט פארלארען אין די וואהלען, האט אימער באשולדיגט די צווייטע פראקציע וואס האט געוואונען, אין אומעהרליכ־קייט און אין אל־דאס־בייז.

פרעזידענט זיגמאן איז ענטשלאסען דאס מעהר ניט צו דערלאזען. א קא־מיטע פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט אויפפאסען, אז קיינע פעלשונגען זאלען ניט פארקומען אין די וואהלען. עס וועט שטרענג אויפגעפאסט ווערען, אז די מיטגלידער וואס זיינען בארעכ־טיגט ארויפצוגעהן אויפ'ן באלאט פאר דעם אמט וואס זיי זיינען נאמינירט גע־

(שלוס אויף זייט 16.)

אן אינסטאלײשאן מאס־מיטינג פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10

דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען דעם שבת, 1.30 בייטאג, אין אר־לינגטאן האל. — זיגמאן, באראף, פיינבערג, דובינסקי און יאנאווסקי וועלען רײדען.

שבת, דעם 15טען דעצעמבער, זיינען פארגעקומען וואהלען פאר אלע לאקאלע באאמטע פון אונזער קאטערס יוניאן, לאקאל 10. די וואהלען צייכענען זיך אויס דורך דעם, וואס א גרויסע צאהל מעמבערס האבען זיך באטייליגט. זיי אינטערעסירען זיך מיט'ן לעבען פון דער יוניאן און זיינען געקומען שטימען פאר די באאמטע, וואס זאלען פארוואלטען די יוניאן פאר'ן נעקסטען יאהר.

עס איז געווען אמאל א צייט, ווען אויך אין לאקאל 10 זיינען געווען פראק־ציעס, „וועלפער לינס" און אזוי ווייטער. דאס איז אבער מעהר ניט דער פאל. איצטער איז דא א פאראייניגטער לא־קאל 10, וואס גיט זיך אפ נאר מיט די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון די מעמבערס אין די שעפער. קיינע פראק־ציאנעלע רייסערייען זיינען אין דעם לא־קאל ניטא. און דאס האבען קלאר בא־וויזען די וואהלען לעצטען שבת.

דורך די וואהלען האבען די מעמ־בערס געוויזען, אז זיי זיינען צופרידען מיט דער פיהרערשאפט פון דעם לאקאל, און זיי האבען ווידער ערוועהלט כמעט די גאנצע געוועזענע אדמיניסטראציע. מען קען זאגען, אז די וואהלען זיינען געווען א „וואוט אוו קאנפידענס" פאר דער אדמיניסטראציע פון דעם לאקאל.

די ווידער־ערוועהלטע הויפט־באאמ־טע זיינען:

ברודער פיליפ אנסעל, פרעזידענט.
ברודער דוד דובינסקי, מענעדזשער.
ברודער דזשאזעף פיש, סעקרעטער.
ברודער סעם שענקער, אסיסטענט מענעדזשער.

עס איז אויך ערוועהלט געווארען אז

(שלוס אויף זייט 16.)

„קאנטעמפט אוו קאורט קייס" אין דעם קעמדען סטרייק

דער קלאוק־סטרייק אין קעמדען, ניו דזשוירזי, ביי דער פירמע דזש. לעף, געהט אן מיט דער זעלבער ענערגיע ווי פריהער, צו דער גרויס ערגערניש פון דער פירמע.

עס פארשטעהט זיך, אז די דער־מאנטע פירמע זוכט צו ברעכען דעם סטרייק מיט אלע מיטלען, און איינער פון די מיטלען איז קאורט־פארפאלגונ־גען נעגען די סטרייקער און נעגען די פיהרער פון סטרייק. און אזוי נאך האט די פירמע אויפגעשטיפטעט א „קאנטעמפט אוו קאורט קייס" נעגען די סטרייקער פון דעם שאפ.

דעם מאנטאג איז פארגעקומען א הירינג וועגען דער קייס פאר דזשאדזש אינגערסאל אין אטלאנטיק סיטי און ארום 40 איינוואוינער פון קעמדען זיי־נען געקומען אין אטלאנטיק סיטי עדות

(שלוס אויף זייט 16.)

וואהלען אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17, דעם שבת

דעם שבת, דעם 22טען דעצעמבער, וועלען פארקומען די וואהלען אין אונזער ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17, פאר אלע באאמטע פון דעם לאקאל, פאר דעם יאהר 1924. לאקאל 17 איז איינער פון אונזערע לאקאלס וואס איז נישט גע־שטראפט געווארען מיט „פראקציעס" און די וואהלען געהען אפ אהן געפילדער און צוקאכעניש וואס מען זעהט ביי די וואה־לען אין די פראקציע־לאקאלס. די וואהלען אין דעם לאקאל ווערען אימער געפיהרט אויף א שטילען, רוהיגען און אויך עהר־ליכען אופן, און ווען א קאנדידאט פאר א געוויסען אמט פאלט דורך, שרייט ער נאכ־דעם ניט „קאראול", אז מען האט איהם „בא'גנב'עט".

די וואהלען וועלען פארקומען דעם שבת, און שטימען וועט מען קאנען דעם גאנצען טאג, פון 9 אין דער פריה, ביז 5 פארנאכט, אין אפיס פון דער יוניאן, 144 צווייטע עוועניו, ניו יארק. זאלען וואס מעהר מיטגלידער פון דעם לאקאל קומען זיך באטייליגען אין די וואהלען און שטימען ווי אזוי זייער געוויסען דיק־טירט זיי.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 51.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דעניש. די זי־כערקייט פון ארבייטער־באנקען. — פיליפ האקסטיין.
זייט 3. די קאסטיום דרעסמאכער יוניאן לא־קאל 90. — י. בערנארדסקי. צו די מיטגלי־דער פון דער אינטערנעשאנאל.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. טעטיגקייטען ביי די אינטערנאציאנאלע לאקאלס אין באסטאן. — א באאבאכטער.
זייט 5. אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17. — דזש. העלער. אויפ'ן פרישען קבר פון ברודער ב. מאלאף. — ה. סקולמאן. די רעזיינערס יוניאן לאקאל 45. — ל. בראר־פעלד.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס־פראגען. א שלוס פון זייט 1.
זייט 7. אין די רייכע נאסען. — אברהם רײ־זען. אינטערנעשאנאל קאלענדאר. — ס. סקולמאן. נייעס פון יוניאן העלטה סענטער. דער קאמף פון דער בעקערס אינטערנעשאנאל. — א. גיירוס.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. א גאנץ לאנגער מהלך. — א. זעלדין.
זייט 10. לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשוינט באארד. — ל. פינקעלשטיין. קורץ און שארף. — י. ב. ג.
זייט 11. נאמפערס און די אימיגראציאנס־פראגע. — ה. לאנג.
זייט 12. די שלעכטע לאגע פון די פינישערס אין קלאוק טרייד. — א. באבימש און מ. י. אשפיז.
זייט 13. קורצע שמועסען. די אויסדערוועהלטע — ז. ווהיקער.
זייט 14, 15 און 16. אדווערטייזמענטס און שלוס

קלאוס און דרעס מאכער, אויפמערקזאם!

קומענדער דינסטאג, דער 25טער דעצעמבער, איז קריסטמעס, א געזעצ־ליכער יום טוב, און קיין קלאוק און דרעס מאכער טאר יענעם טאג ניט אר־בייטען. די וואך ארבייטער דארפען באקומען באצאהלט פאר'ן טאג פונקט ווי זיי וואלטען ארבייטען.

קאמיטעס פון דער יוניאן וועלען זיין אין די שאפ־דיסטריקטס און די אר־בייטער וואס מען וועט טרעפען ביי דער ארבייט וועלען גערופען ווערען צו דער גריוואנס קאמיטע און וועלען שטרענג באשטראפט ווערען.

אין נאמען פון דזשאינט באארד.
לואיס ע. לאנגער, סעקרעטער.

עקזאמינײשאנס פאר ביזנעס אײדזשענטס אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון שיקאגא

אין גיכען דארף פארקומען וואהלען פאר ביזנעס־אײדזשענטס פאר דער קלאוקמאכער יוניאן פון שיקאגא, און דעם פרייטאג אווענד וועט פארקומען די עקזאמינײשאנס פון די קאנדידאטען וואס האבען אנגענומען פאר דעם אמט.

אין שיקאגא איז דער דזשאינט באארד אליין די „עקזאמינײשאן קאמי־טע", און די עקזאמינײשאנס וועלען פארקומען פרייטאג אווענד, ביי דעם מי־טינג פון דעם דזשאינט באארד. דאס הייסט, דעם פרייטאג אווענד וועט דער דזש. באארד זיך פארוואנדלען אין אן עק־זאמינײשאן קאמיטע. און וועט עקזאמי־נירען די קאנדידאטען וואס האבען אנ־גענומען פאר דעם אמט. לויט א בא־שלוס פון דעם דזשאינט באארד, וועט וויס־פרעזידענט מ. פערלשטיין זיין דער טשערמאן פון דעם מיטינג. ער וועט, הייסט עס, זיין דער טשערמאן פון דער עקזאמינײשאן־קאמיטע, אין וועלכער דער דזשאינט באארד פארוואנדעלט זיך דעם פרייטאג אווענד.

נאמינײשאן מיטינגען אין דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

(שלוס פון זייט 1).

באשלאסען, אז די דרעס־מאכער יוניאן לאקאל 22 זאל ווערען א טייל פון דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד, איז דער־מאלט אויך באשלאסען געווארען, דאס אלע דרעס־מאכער פון לאקאל 23 זאלען טראנספערירט ווערען אין לאקאל 22.

און אט דעם באשלוס האט מען גענומען ריכטיג דורכפיהרען ערשט רעמאלט, ווען דער לאקאל 22 איז געווארען א טייל פון דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד; ערשט דעמאלט האבען די דרעס מאכער, וועלכע האבען יאהרען־לאנג באלאנגט צו לאקאל 23, זיך גענומען איבערשרייבען אין דעם לאקאל 22, און אזוי נאך האט די דרעס מאכער יוניאן לאקאל 22 מיט אמאל צוגעקראגען איבער 16 הונדערט נייע מיטגלידער, און דיזע „נייע" מיטגלידער וועלען עס איצטער זיין צום ערשטען מאל אויף די מעמבער־מיטינגען פון זייער נייעם לאקאל. און אין נאמען פון לאקאל 22 אפעלירען מיר טאקע צו די דרעס־מאכער וואס האבען פריהער באלאנגט צו לאקאל 23, זיי זאלען אלע קומען צו די מעמבער־מיטינגען פון זייער נייעם לאקאל און זיך באקענען מיט די מיטגלידער, וועלכע זיינען מיטגלידער פון דעם לאקאל שוין פון א סך פריהער.

דערביי וועט אפשר אויך ניט שאדען צו באמערקען, דאס צווישען די 16 הונדערט דרעס מאכער, וועלכע האבען זיך שוין איבערגעשריבען פון לאקאל 23 צו לאקאל 22, געפינט זיך א היבשע צאהל, וואס זיינען געווען גאנץ טעטיג אין לאקאל 23. מאנכע פון זיי זיינען געווען טאקע פון די סאמע טעטיגסטע מיטגלידער, וועלכע האבען געדינט זייער לאקאל יוניאן מיט ראט און טאט, זייענדיג אין פארשיידענע אמטען און טוענדיג גוטע ארביים פאר דער יוניאן אלס מיטגלידער פון די סטענדיגע קאמיטעס, וואס יעדער לאקאל יוניאן האט. און עס וואלט געווען זעהר ווינשענסווערט, דאס דיזע מיטגלידער זאלען פארטזעצען זייער טעטיגקייט אויך אין לאקאל 22, פון וועלכען זיי זיינען איצט מיטגלידער.

ווי שוין פריהער באמערקט, וועלען אויף די מיטינגען קומענדען דאנערשטאג געמאכט ווערען נאמינײשאנס פאר עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער, און עס איז זעהר וויכטיג, אז וואס מעהר מיטגלידער פון דעם לאקאל, סיי פון די אלטע און סיי פון די נייע, זאלען קומען און זיך באטייליגען אין די נאמינײשאנס. עס איז די פליכט פון די מיטגלידער צו קומען צו די מיטינגען און נאמינירען די בעסטע, די פעהיגסטע, די איבערגעבענסטע מענשען, ביי וועמען די יוניאן איז ווירקליך טייער, און וועלכע וועלען אויף א ערליכען אופן דינען די אינטערעסען פון דער יוניאן, אזוי גוט ווי די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די שעפער.

זאלען אלע מיטגלידער פון לאקאל 22 זיך נעהמען מעהר אינטערעסירען מיט'ן לעבען פון דער יוניאן און נים איבערלאזען די גאנצע ארביים פאר בלויז א קליינער צאהל. אין גיכען דארף זיך אנפאנגען דער נייער סיזאן אין דער דרעס־אינדוסטריע, און זאל די יוניאן גרייט זיין אויסצואיבען איהר איינפלוס אויפ'ן טרייד פאר דעם בענעפיט פון איהרע צעהנדליגער טויזענדע מיטגלידער. ווען די יוניאן וועט זיך באמת אפגעבען נאר מיט טרייד־ און ארגאניזאציאנס־פראגען, וועט עס געוויס האבען די ווירקונג, אז די לאגע פון די ארבייטער אין דער דרעס־אינדוסטריע זאל פארבעסערט ווערען. וואס מעהר מיטגלידער פון דעם לאקאל עס וועלען טעטיג זיין אויף דעם געביט, אלץ שטארקער וועט זיין די יוניאן און אלץ מעהר וועלען די מיטגלידער קענען ערווארטען פון איהר.

דאס סעטלען פון פרייזען אין די דרעס שעפער

(שלוס פון זייט 1).

פרייז־קאמיטע, ווי די פרייזען דארפען געסעטעלט ווערען, לויט די יוניאן סטאנדארדס.

קיינע פריוואטע פרייז־סעטעלמענטס וועלען פון דער יוניאן נים אנערקענט ווערען. עס מוז אפריהער גערופען ווערען א שאפ־מיטינג און אויף דעם מיטינג מוז אנוועזענד זיין א פארטרעטער פון דזשאינט באארד. זאלען די טשערליים און פרייז־קאמיטעס פון די דרעס שעפער דאס נעמען אין אכט.

אינטערנײשאנאל יוניאן באנק

א פאר וויכטיגע פאקטען וועגען דער אינטערנײשאנאל באנק וואס עפענט זיך דעם ערשטען שבת אין יאנואר

שבת, דעם 5טען יאנואר, 1924, עפענט זיך די גרויסע ארבייטער באנק. דיזע באנק וועט זיין גרוים און זיכער. מיט א זיכערקייט, מיט וועלכע אלע וועלען זיין שטאלץ.

1. — דיזע באנק איז ארגאניזירט פון די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אינטערנאשאנל פאר ווארקערס יוניאן, אינטערנעשאנאל העט און קעפ מייקערס יוניאן, אינטערנעשאנלא פאקעט בוק און פענסי לעדער גודס ווארקערס יוניאן, און אנדערע ארגאניזאציאנען. צוויי הונדערט טויזענד ארגאניזירטע אידישע ארבייטער שטעהען הינטער דיזער נייער באנק.

2. — דיזע באנק עפענט זיך מיט א קאפיטאל פון $250,000 און א סורפלוס פון $250,000. דאס מיינט אז דעפאזיטארס אין דיזער באנק וועלען זיין דאבעל פארזיכערט. פאר יעדע הונדערט דאלאר שעהרס וואס ארגאניזאציאנען אדער איינצעלנע מענשען האבען געקויפט אין דיזען באנק, האבען זיי אריינגעליינט עקסטרא הונדערט דאלאר פאר סורפלוס צו פארשטארקען די זיכערהייט פון די דעפאזיטס.

3. — דיזע באנק וועט זיין די ערשטע ארבייטער באנק אין סאמע הארץ פון דעם לײדיס גארמענט סענטער פון ניו יארק. זי וועט זיך געפינען אויף דער פינפטער עוועניו, קארנער 21טע סטריט, אין רעכטען מיטען פון די נאדעל טריידס.

4. — דער מענעדזשער פון דיזער באנק וועט זיין מר. פיליפ ר. ראדריגעז, וועלכער איז געווען פאר יאהרען און יאהרען פארבונדען מיט דער מערקאנטיל באנק און מיט די קארן עקסטשיינדזש באנק, און וועמעס ערפאהרונג אין בענקינג איז באקאנט אין אלע בענקינג קרייזען פון ניו יארק.

5. — העלפט פון די פראפיטען פון דיזער באנק, איבער דעם דיווידענד פאר שערהאלדערס, וועט געהן צו די דעפאזיטארס אין דער פארמע פון עקסטרא פראצענטען אויף זייערע דעפאזיטס. די רעגולע פראצענטען פאר סייווינג דעפאזיטס וועלען זיין 4 פראצענט.

9. — דיזע באנק וועט זיין א פולשטענדיגע באנק אין אלע הינזיכטען. זי וועט האלטען אייערע סייווינגס דעפאזיטס, זי וועט פארוואלטען אייערע ביזנעס דעפאזיטס, זי וועט איבערשיקען געלט קיין רוסלאנד, פוילען, איטאליען און אנדערע לענדער, אין אמעריקאנער דאלארס, און זי וועט פארקויפען שיף־טיקעטס פאר אריבערברענגען קרובים.

7. — עס איז ווינשענסווערטה אז וואס מעהר ארבייטער און סימפאטייזער זאלען זיין פארטנערס אין דיזער באנק. שרייבט צו ברודער פיליפ קאפלאוויץ, 25טע סטריט און לעקסינגטאן עוועניו, ניו יארק, וועגען קויפען איינע אדער עטליכע שעהרס.

די בעאמטע און דירעקטארען פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק:

א. בארא, פרעזידענט
פיליפ ר. ראדריגעז, וויים־פרעזידענט און מענעדזשער
פיליפ קאפלאוויטש, קעשיר

דירעקטארען:

מארים זיגמאן דזש. ברעסלאוו דזש. העלער י. פיינבערג סאלוואטארע ניניפא י. שעהנהאלץ דזש. פיש	אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן

מארים הילקוויט
ב. ש. וולאדעק, מענ. פון „פארווערטס"
מארים קויפמאן, פרעזידענט פון אינטערנעשאנאל פאריערס יוניאן
מאקס צוקערמאן, סעק.־טרעזשורער פון אינטערנעשאנ. קעפמייקערס יוניאן
א. וואלינסקי, מענעדזשער פון אינטערנעשאנאל פענסי לעדער גודס יוניאן

אין דער קאסטאם דרעס מאכער יוניאן לאקאל 90

איך האב שוין א לאנגע צייט נים געשריבען פון די קאסטיום דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90. נים דערפאר ווייל עס איז ניט געווען וואס צו שרייבען, גראדע פארקערט, אין דער לעצטער צייט, זינט דער סיזאן האט זיך אנגעפאנגען, זיינען פארגעקומען אזוינע פאסירונגען, וועלכע זיינען ווערט געווען צו באריכטען.

אין דער לעצטער צייט איז אונזער יוניאן געווען זעהר פארנומען מיט באַגייען די אגרימענטס מיט די בעלי־בתים. קענט איהר זיך פארשטעלען, אז מיר האַבען געהאט ארבייט איבערגענוג. אין אזא טרייד ווי די פרייוועט דרעסמייקינג, וואו א גרויסער טייל פון די ארבייטער זיינען נאך נים ארגאניזירט, קומט ניט לייכט אן אזא ארבייט. און דערפאר טאקע איז פאר אונז אונמעגליך צו האבען א באַשטימטע סקייל און ווייזשעס. דערפאר זיינען מיר געווען געצוואונגען צו „אדזשאסטען" די ווייזשעס פאר די ארבייטער אין יעדען שאפ באזונדער. איהר קענט זיך פארשטעלען, אז עס איז נים גאר קיין לייכטע שטיקעל ארבייט.

עס פארשטעהט זיך, אז געזינטער און בעסער וואלט געווען ווען מיר וואלטען געהאט א סקייל און ווייזשעס פאר דעם גאנצען טרייד. די קאנקורענץ פון איין ארבייטער מיט'ן צווייטען וואלט ניט געווען אזוי שטארק. עס וואלט געמאכט דעם ארבייטער מעהר אינדעפענדענט. אבער אפילו אהן א סקייל האט די יוניאן נים פארגעסען צו אויסנוצען די געלעגענהייט און אין יעדען שאפ געקראגען פאר די ארבייטער א רייז אין זייערע ווייזשעס צו דער צופרידענהייט פון אונזערע מעמבערס. עס איז אמת, ניט אלע בעלי־בתים האבען גלייך געוואלט נאכגעבען דעם גערעכטען פארלאנג פון די ארבייטער. אין די מעהרסטע פעלע האבען מיר געמוזט אפסטאפען די ארבייטער פון דער ארבייט, כדי דער באס זאל וויסען, אז אויב ער וויל זיך פארמעסטען מיט דער יוניאן אין כוחות, איז די יוניאן אימער גרייט אויפצונעהמען א קאמף פאר די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער.

א פינף־דאלאר טעקס פאר ארגאניזאציאנס־ארבייט.

ביי אונזער לעצטען מעמבער־מיטינג, ווען אונזערע מיטגלידער האבען אויסגעהערט דעם באריכט פון די סעטעלמענטס, האט מען געקאנט זעהן, אז אונזערע מעמבערס פיהלען, דאס אויב זיי ווילען, אז זייערע קאנדישאנס, וועלכע זיי האבען מיט אזוי פיל שווערע מיה אויסגעקעמפט, זאל אנגעהאלטען ווערען, דאן מוזען זיי איין מאל פאר אלע מאל זיך אריינווארפען אין דער ארבייט און העלפען ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע ארבייטער פון טרייד, אויב זיי ווילען, אז די ארבייט זאל ניט אוועק אין סקעב־שעפער, וואו מען ארבייט אונטער די ערגסטע קאנדישאנס פאר די קלענסטע ווייזשעס. גלייך ביי דעם זעלבען מיטינג איז באַשלאסען געווארען זיך צו טעקסען מיט 5 דאלאר, כדי געבען דער יוניאן א מעגליכקייט אנצוגעהן מיט דער ארבייט. און די ארבייטער פון די פאלגענדע שעפער זיינען געווען פון די ערשטע, וועלכע האַבען גלייך איינגעצאהלט דעם טעקס: ראַזענשטיין, פון דער 56טער סט.; ברימאנ'ס שאפ, פון דער 51טער סט.; טייטעלבאום'ס און ב. וויינשטיינ'ס, פון דער 56טער סטרים.

ווי איהר זעהט, איז דאס ניט קיין שלעכטער אנפאנג און מיר האפען, אז די איבעריגע מעמבערס פון די אנדערע שעפער וועלען נאכמאכען דעם ביישפיל. זיי וויסען ווי ווינשענסווערט און דורכאויס נויטיג עס איז, צו ארגאניזירען דעם גאנצען דרעסמייקינג טרייד פאר, דעם בענעפיט פון אלעמען. מיר ווילען דאס טאן. עס ווענדעט זיך בלויז אן די ארבייטער, ווי שנעל זיי וועלען דאס מאכען מעגליך. אלע מיטגלידער פון דער יוניאן דארפען גלייך איינצאהלען דעם טעקס, און די ארבייט וועט זיך קענען גלייך אנפאנגען. ביי די מעמבערס־מיטינגען האבען די מיטגלידער באשלאסען, דאס דער טעקס זאל איינגעצאהלט ווערען אין פארלויף פון די נעקסטע 4 וואכען.

א וויכטיגער קאנפערענץ.

דעם 19טען נאוועמבער איז אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון די לאקאלס 90 און 38, די פרייוועט דרעסמייקערס און די לידיס טיילארס, אין דער אנוועזענהייט פון ברודער מ. זיגמאן, פרעזידענט, און בר. אב. באראף, סעק. פון דער אינטערנעשאנאל. די קאנפערענץ האט אויפגענומען די פראגע וועגען געמיינשאפטליכער ארבייט, בעסער געזאגט, צו געפינען א וועג ווי אם שנעלסטען צו קענען ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע ארבייטער פון טרייד.

דער אמת איז, אז דאס איז שוין ניט דער ערשטער קאנפערענץ, וואס די דרעסמאכער האבען מיט די לידיס טיילארס וועגען געמיינשאפטליכער ארבייט און מיר וויסען נאך ביז היינט ניט, ווארום די לידיס טיילארס זיינען אימער געבליבען קאלטבלוטיג אין דער פראגע. האבען דאך אימער די פרייוועט דרעסמאכער, די מעמבערס פון לאקאל 90, געווארנט די לידיס טיילארס, אז אזוי ווי עס איז קען דאס מעהר ניט אנגעהן. מיר האבען אלע מאל גע'טענה'ט, אז די ניט־ארגאניזירטע שעפער אין דעם פאך זיינען שעדליך, און באזונדערס זיינען שעדליך די האלב־ארגאניזירטע שעפער. מיר האלטען ניט פון אזוינע יוניאן־שעפער. מיר גלויבען, דאס אין א שאפ, וואו עס ארבייטען צוויי דעפארטמענטס, לידיס טיילארס און דרעסמייקערס, דארפען ביידע דעפארטמענטס זיין ארגאניזירט, כדי די בעלי־בתים זאלען ניט קענען אויסנוצען איין דעפארטמענט געגען צווייטען. איצטער איז עס אזוי: האט דער באס א דיספיוט מיט די ארבייטער פון דעם יוניאן דעפארטמענט, גיט ער די ארבייט צו דעם ניט־יוניאן דעפארטמענט. און פארקערט, וויל דער ניט־יוניאן דעפארטמענט זיך ארגאניזירען און פארלאנגען בעסערע קאנדישאנס, האבען זיי מורא, אז די יוניאן־ארבייטער וועלען זיי ניט שטיצען. אזוי צי אזוי, דערווייליע האבען די בעלי־בתים פראפיטירט.

פארוואס איז דאס אזוי געווען ביז יעצט?

מיר גלויבען, אז עס איז דערפאר, ווייל די לידיס טיילארס האבען געגלויבט, אז עס וועט אימער געמאכט ווערען סוטס און קאוטס, האבען זיי זיך דערפאר ניט אינטערעסירט מיט די דרעסמאכער, וועלכע האבען געארבייט אין די זעלבע שעפער, צי זיי זיינען ארגאניזירט אדער ניט. און דאס האט געפיהרט צו די ניט־נארמאלע צושטענדע אין די שעפער. וואלטען די לידיס טיילארס, ווען זיי ארגאניזירען א שאפ, געזוכט צו ארגאניזירען אלע ארבייטער פון יענע שעפער, וועלכע מאכען לידיס גארמענטס, וואלטען די רעזולטאטען געווען גאנץ אנדערע פאר ביידע, פאר לאקאל 38 און פאר לאקאל 90.

מיר ווילען זאגען, אז מיר באשולדיגען ניט קיינעם פון לאקאל 38. מיר זיינען בלויז אויסען, עס זאל ווערען אנדערש, ווי עס איז געווען ביז יעצט, און מיר גלויבען, אז דער יעצטיגער קאנפערענץ, וואס איז צוזאמענגערופען געווארען פון גענעראל אפיס, וועט ברייגנען גוטע רעזולטאטען. מיר האפען, אז לאקאל 38 און לאקאל 90 וועלען גלייך צוטרעטען צו דער ארבייט און וועלען ניט ווארטען אויף שפעטער, ווייל שפעטער, דענקען מיר, וועט זיין צו־שפעט.

דאנערשטאג, דעם 20טען דעצעמבער, וועלען פארקומען וואהלען פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס פאר דעם יאהר 1924. עס איז די פליכט פון יעדען מעמבער צו קומען צו דיזען מיטינג און שטימען פאר די פעהיגסטע מעמבערס, ווייל וואס א פעהיגערע עקזעקוטיווע, אלץ א שטארקערע יוניאן וועלען מיר האבען. מיר האפען, אז די מעמבערס וועלען פארשטעהן די וויכטיגקייט פון דעם מיטינג און וועלען קומען אין מאסען.

י. בערנאדסקי,
מענעדזשער לאקאל 90.

פון „פונקען" — א פייער!

„פונקען" וועלען פליהען, אבער קיין פייער וועט ניט זיין אין אירווינג פלייס טעאטער פרייטאג, דעם 28טען דעצעמבער. עס וועט אבער זיין זעהר יום־טוב־דיג: די לעזער־גרופע „פונקען", וועלכע האט דא ניט לאנג ארויסגעגעבען ש. דייקסעל'ס בוך „די וועגען אין נעבעל", פייערט איר ערשטען אויפטו. די איינגאמע וועט געהן פאר ש. דייקסעל'ס ווייטערדיגע ביכער. שפילען וועט מען „די הויפט־זאך". די גאנצע קאמפאניע אין די הויפט־ראלען. אלע שרייבער וועלען זיין און אלע אינטעליגענטע ארבייטער וועלען אויך ניט פעהלען.

באזארגט זיך גלייך מיט טיקעטס: די ליין וועט זיין זעהר א לאנגע. שמייכעלט נים. עס וועט שוין נאר קיין שפאס ניט זיין ווען איהר וועט מוזען געהן אהיים מיט ליידיגען. טיקעטס צו באקומען אין: „נאטיק בוך־געשעפט", 2טע עוועניו און 10טע גאס.

צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל!

שוועסטער און ברידער:

דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל האט ארויסגעשיקט א צושריפט צו אלע אנגעשלאָסענע לאקאלס, וואס באלאנגען צו דער אינטערנעשאנאל, פארלאנגענדיג אז די מעמבערס זאלען שטימען אין וועלכער שטאדט אונזער נעקסטע קאנווענשאן זאל געהאלטען ווערען. לויט אונזער קאנסטיטושאן, דארפען ניט ווייניגער פון צוויי שטעדט פארגעשלאגען ווערען, און אין דיזען צושריפט האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פארגעשלאגען באסטאן און באלטימאר. די שטאדט, וואס וועט באקומען די גרעסטע צאהל שטימען, וועט זיין די גליקליכע, וואו די נעקסטע קאנווענשאן וועט אפגעהאלטען ווערען.

אט וועגען דיזען צושריפט ווענדען מיר זיך צו אייך און מיר בעטען אייך צו שענקען אייער גאנצע אויפמערקזאמקייט.

אונזער נעקסטע קאנווענשאן וועט זיין די יובילעאום־קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל. די גרויסע צאהל מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל איבער'ן גאנצען לאנד וועלען זיך באטייליגען אין דער גרויסער שמחה, ווען עס וועט געפייערט ווערען דער 25־יעהריגער לעבען און קאמף פון אונזער באליבטער אינטערנעשאנאל. און מיר וואלטען זעהר געוואלט, אז די קאנווענשאן זאל אפגעהאלטען ווערען ביי אונז, אין באלטימאר.

דאס וואס דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט רעקאמענדירט באלטימאר אלס איינע פון די צוויי שטעדט, איז פאר אונז דער גרעסטער כבוד. דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט געווים געהאט אין זינען דערביי, אז לאקאל 4 פון באלטימאר איז געווען איינע פון די ערשטע יוניאנס אנטייל צו נעהמען אין דער גרינדונג פון אונזער איצטיגער מעכטיגער אינטערנעשאנאל. אונזער לאקאל 4 איז געווען די 4טע יוניאן ביי דעם געבורט פון אונזער מוטער־ארגאניזאציע, וואס איז געגרינדעט געווארען מיט 25 יאהר צוריק, און וועלכע איז אויסגעוואקסען אזוי גרויס און מעכטיג און וועלכע האט אזוי פיל אויפגעטאן פאר די ארבייטער פון נאדעל־טרייד.

אונזער יוניאן איז די גאנצע צייט געווען געטריי צו דער אינטערנעשאנאל און געשטאנען מיט איהר אין אלע איהרע שווערע קעמפע אין דעם משך פון די 25 יאהר פון איהר לעבען. דערפאר גלויבען מיר, אז מיר זיינען בארעכטיגט, אז די יובילעאום־קאנווענשאן זאל געהאלטען ווערען ביי אונז אין באלטימאר.

מיר גלויבען אויך, אז דאס זיינען געווען די מאטיווען, וואס האבען באוואויגען דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו רעקאמענדירען באלטימאר אלס איינע פון די צוויי שטעדט, וואו די נעקסטע קאנווענשאן זאל געהאלטען ווערען.

מיר בעטען אייך דעריבער, שוועסטער און ברידער, אז איהר זאלט אונז אנטאן דעם גרויסען כבוד און שטימען, אז די קאנווענשאן זאל געהאלטען ווערען אין באלטימאר. אויסער דעם כבוד, וועט אויך אונזער ארגאניזאציאן א סך פארשטארקט ווערען דורך דעם וואס די קאנווענשאן וועט געהאלטען ווערען ביי אונז אין באלטימאר.

מיט ברודער גרוס,
דזשאינט באארד קלאוק און סקוירט מייקערס אין באלטימאר
ס. כ א ה ן, טשערמאן.
ס ע מ ו ע ל ק א פ ל א ן, סעק.

דאלארס
קיין פוילען און שכנ'ישע לענדער

אמעריקאנער דאלארס ווערען שנעל אויסגעצאהלט אין אלע טיילען פון פוילען, גאליציע און ארומיגע לענדער, דורך א געוועהנליכען

מאני ארדער
פון דער
אמעריקאן עקספרעס קאמפאני

וואס איז דער עקאנאמישסטער וועג ווי אזוי אריבערצושיקען געלט נאך דער אלטער היים.
אזוי שנעל ווי

אין דריי וואכען

ווערט דאס געלד אויסגעצאהלט.
איר קאנט אויך שיקען דאלארס נאך דער אלטער היים

דורך קייבעל

צו זעהר מעסיגע פרייזען.

די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני האט אויסשליסליכע פארטרעטער אין ווארשא, מאסקווע און ריגא און אפיסעס אין בערלין, ברעמען, האמבורג, פאריז און אנדערע וויכטיגע אייראפעאישע שטעדט, אויך באנקפארבינדונגען איבער דער גאנצער וועלט. דאס מאכט די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני די געווינשסטע ארגאניזאציע פאר געלטזענדונגען און רייזע אנגעלעגענהייטען.

רייזען: אויב איהר ווילט מאכען א רייזע, באזוכט דעם נאהענטסטען עקספרעס אפיס און בעראט זיך מיט דעם מענעדזשער וועגען אלע רייזע אנגעלעגענהייטען. איהר קאנט קריגען אין אונזערע אפיסעס שיפסקארטען און באהן־בילעטען פאר אלע טיילען פון דער וועלט.

נעמט ארייז אין איינעם פון די אפיסעס פון די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני אין אייער שטאט אדער אין איינעם פון די אפיסעס, וואס מיר צייגען דא אן, אדער שרייבט פאר אויסקונפטען צום רעזידענט מענעדזשער פון אירגענד וועלכען אפיס.

AMERICAN EXPRESS COMPANY

2 EAST BROADWAY — 17 WEST 23rd STREET

2 איסט בראדוויי — קארנער משאטהעם סקווער.
17 וועסט 23טע סטריט — קארנער פינפטע עוועניו.

22 וועסט 15טע סט. 1 וועסט 125טע סט. 118 וועסט 39טע סט. מארים פארק און 180טע סט. 1251—3טע עווע. 2131 בראדוויי. 3טע עוו. און 41טע סט. ברוקלין, נ. י. 876 בראד סט. נוארק, נ. דזש.

הויפט פאסט אפיס אין ווארשא

די וואך

פון מאקס ד. דעניש

די גרויסע מאגנאטען רעדען הערשען איבער דייטשלאנד.

פון די מישמאש פון די געשעהע-נישע אין דייטשלאנד, ווערט איין זאך קלארער פון טאג צו טאג, און דאס איז, אז די הייפערע גרויסע אינדוסטריעלע מאגנאטען וועלכע האבען איין אריינ-געכאפט אין זייערע הענד — זיינען ענטשלאסען צו הערשען און באלע-באטעווען איבער דייטשלאנד ווי זייע-רע אייגענע אינטערעסען, ניט רעכענענ-דיג זיך מיט קיינעם.

די דייטשע מלוכה איז דורך די מא-ניפולאציעס פון די פינאנציעלע הער-שער געבראכט געווארען צו באנקראט. און אויב די רעגירונג וועט וועלען אנ-האלטען דעם אנבליק פון א נאציאנאלער מלוכה, וועט זי מוזען באקומען פינאנ-ציעלע מיטלען פון די זעלבע פינאנציע-לע מאגנאטען, פאר׳מישכונ׳ענדיג דער-ביי דאס לעצטע ביסעל רייכטום וואס די מלוכה האט נאך — די אייזענבאה-נען, וואס באלאנגען צו דער רעגירונג, די טעלעגראפען, די מינען און די וועל-דער. טראץ דעם הייסען אפילו, וואס דייטשלאנד האט געמאכט נאך שטיצע פאר די מיליאנען הונגעריגע קינדער און ארבייטסלאזע ארבייטער פאר היינטיגען ווינטער, איז די אויסזיכט צו באקומען אן אויסלענדישע הלואה פאר דעם צוועק זעהר א שוואכע — הויפטזעכליך צו-ליב דער געגנערשאפט פון פראנקרייך. דייטשלאנד איז דעריבער גרייט פאל-שטענדיג זיך אונטערגעבען, איבערצוגע-בען איהר ביסעל פארבליבענע סואווערע-ניטעט איינגאנצען צו דער אלמעכטיגער גרופע פון דייטשע אינדוסטריעלע בא-ראנען, אי אינדוסטריעל אי פאליטיש, כדי צו האבען א געלעגענהייט ווייטער צו עקזיסטירען. און ווען מען האט נאך דערצו אין זינען, אז די דאזיגע דייטשע אינדוסטריאליסטען פיהרען הינטען ארום פארהאנדלונגען און מאכען געשעפט מיט די פראנצויזישע אינדוסטריאליסטען — וועלכע האבען נאר א שטארקען חשק אנטייל צו נעהמען אין דייטשע רעגי-רונגס- און פריוואטע אונטערנעהמונגען, — ווען מען האט עס אין זינען, איז עס זעהר מעגליך צו גלויבען, אז די אינ-טערנאציאנאלע פראפיטירס וועלען דורך דער עקאנאמישער דערדריקונג פון די דייטשע מאסען דערגרייכען דאס, וואס עס איז פאר זיי אוממעגליך געווען צו דערגרייכען דורך „דירעקטער פאלי-טישער אקציאן“?

דער דאזיגער פעסימיזם ווייזט אויס צו זיין פאלשטענדיג בארעכטיגט, כאטש אמעריקא האט איצט איינגעווילינגט צו זיין אונאפיציעל פארטראטען אין דער אונטערזוכונג וועגען דייטשלאנד׳ס פינאנ-ציעלער לאגע. עס קען זיין, אז עפעס וועט ארויסקומען פון דער דאזיגער אונ-טערזוכונג, און עס קען זיין, אז ניט. איין זאך איז קלאר: די איינציגע מאכט, אויף וועלכער מען וואלט זיך געקענט פארלאזען צו באשיצען דייטשלאנד גע-גען דער אינטערנאציאנאלער רויבער-באנדע, די ארבייטער באוועגונג, איז איצט אזוי אפגעשוואכט, אז מען קען פון איהר זעהר ווייניג ווירקזאמקייט ער-ווארטען געגען דעם שונא, איבערהויפט אין דער נאהענטער צוקונפט.

פארשפעטיגט פינף יאהר.

ענדליך איז אפגעווישט געווארען די שאנדע פון אמעריקא, וואס די פאלי-טישע פארורטיילטע זיינען געהאלטען געווארען אין די געפענגניסען פינף יאהר נאכדעם ווי די מלחמה איז געענדיגט געווארען. די שאנדע איז אפגעווישט געווארען מיט דעם שטריך פון דער פע-דער פון פרעזידענט קולידזש, ווען ער האט אונטערגעשריבען זייער באגנאדי-גונג אהן שום באדינגונגען.

דערמיט ענדיגט זיך די אונערמיד-ליכע ארבייט פון דער „דזשאינט אמ-נעסטי קאמיטע“, אן ארגאניזאציאן וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון די בעסטע ליבעראלע און ראדיקאלע עלעמענטען אין לאנד.

די, וואס האבען געקעמפט צוריק-צוואורפען די כוואליע פון אונטאלע-ראנץ אין ברענגען דאס, וואס האט פאר-פייצט דאס לאנד אין דעם מיטן פון דער מלחמה און האט דערגרייכט דעם העכסטען פונקט אין 1920, דארפען פון רעכטסווענען ניט פארגעסען, אז באפרייט געווארען זיינען בלויז די פעדעראלע פאליטישע פריזאנערס, אבער עס געפי-נען זיך נאך גענוג אזעלכע קרבנות אין די פארשיידענע סטייט-פריזאנס איבער׳ן גאנצען לאנד. זעהר א סך קרבנות פון דער מלחמה-היסטעריע שמאכטען אין די פריזאנס פון די פארשיידענע סטייטס פון לאנד — אלץ פאר די זעלבע חטאים פון באנוצען זיך מיט זייער רעכט פון פרייער רעדע, פרייער פארזאמלונג און דאס רעכט פון ארבייטער זיך צו אר-גאניזירען. און פארורטיילט זיינען די דאזיגע מענער און פרויען צו פריזאן-טערמינען פון 3 ביז 20 יאהר. די, וואס האבען אזוי ענטשלאסען און מוטיג גע-קעמפט פאר דער באפרייאונג פון די פאליטישע ארעסטאנטען פון די פעדע-ראלע פריזאנס, דארפען יעצט צוזאמענ-נעהמען אלע זייערע כחות און אפווישען די געזעצע, אונטער וועלכע די דאזיגע פריזאנערס זיינען פארורטיילט געווא-רען אין די פארשיידענע סטייטס — אין קאליפארניא, אינדיאנא, אהייא, נע-בראסקא און פילע אנדערע שטאאטען, וועלכע האבען דורך געזעצע בארויבט זייערע בירגער פון זייערע קאנסטיטו-ציאנעלע רעכטע.

עס איז דא נאך א גרויסע אויפגאבע, וואס מ׳מוז האבען אין זינען. ס׳קאן גאר קיין צווייפעל ניט זיין, אז אין פאל פון אן אנדער מלחמה — און ווער ווייס אויב א נייע מלחמה ווערט שוין נישט פאר-האכט? — וועט זיך די גאנצע טראגע-דיע נאך א מאל איבער׳חזר׳ן. דער איינציגער וועג צו פארהיטען די פריי-הייטען פון פאלק געגען פעריאדישע צו-זאמענברוכען, איז צו קעמפען מיט אלע כחות און ענטשלאסען געגען מלחמה. אין דיזער ריכטונג דארף געווענדעט ווע-רען די ארבייט פון אלעמען, וועמען די פרייהייטען פון פאלק זיינען טייער.

די פראגראם פון די ענגלישע ארבייטער.

גלייך ווי דער ענגלישער פארלאמענט וועט זיך עפענען וועט די בריטיש לייבאר-פארטי — אויב קיין אומערווארטע-טע ענדערונג וועט ניט פארקומען, — זיך געפינען אין דער לאגע צו ארגא-ניזירען די ערשטע ארבייטער-רעגירונג אין דער געשיכטע פון ענגלאנד.

וואס וועלען זיין די פאליסיס פון דער לייבאר פארטיי? מען מוז צוגע-בען, אז דער איצטיגער מאמענט איז ניט זעהר קיין גינסטיגער פאר דער לייבאר-פארטיי צו גרינדען אן אייגענע רעגי-רונג דעם ערשטען מאל. די פארטיי וועט ניט קענען רעגירען מיט איהרע אייגענע כחות אליין, און אויב זי וועט ניט וועלען אז איהר רעגירונג זאל צו-זאמענברעכען גלייך פון אנהויב, וועט זי מוזען אננעהמען א מיטעלען וועג, מאכענדיג קאמפראמיסען. פון דער אנ-דערער זייט ווידער וועט זיך אפשר בע-סער לוינען פאר דער לייבאר פארטי זיך אפצוזאגען פון אירגענד וועלכע קאמפרא-מיסען מיט די אנדערע פארטייען, כדי צו קענען מאכען א שטארקען אפיל צום לאנד אין נייע וואהלען.

פון די נייעס, וואס ערשיינען אין די צייטונגען, קען מען קומען צום שלוס, אז די לייבאר-פארטיי וועט ניט פאר-קויפען איהר בכורה פאר א טאפ לינזען, אז זי וועט זיך האלטען אן איהרע פרינציפען און וועט זיי זוכען דורכצו-פיהרען מיט א פעסטער האנד. צווישען די הויפט-פלענער פון דער לייבאר-פאר-טיי געפינען זיך: די צוזאמענרופונג פון אן ענטוואפנונגס-קאנפערענץ דורך ענג-לאנד און אמעריקא; אז ענגלאנד זאל זיך אונטערשרייבען אויף אן אפמאך צו ארביטרירען אלע אינטערנאציאנאלע סכסוכים; א וועלט-קאנפערענץ צו שליכ-טען די פראגע פון רעפעריישאנס און מלחמה-חובות; פולע אנערקענונג פון רוסלאנד; קרעדיט-שטיצע פאר דייטש-לאנד, כדי זי זאל קענען קויפען רויהע מאטעריאלען און אנדערע נויטווענדיג-קייטען אין ענגלאנד; די אפשאפונג פון דעם אמבאסאדארס קאנפערענץ און אנ-שטאט די דיפלאמאטען פון דעם אלטען שנים זאלען אין וואשינגטאן, פאריז, בערלין און אנדערע וויכטיגע צענטערס געשיקט ווערען פראמינענטע ראדיקאלע אדער ארבייטער-שטאטסלייט.

דער דאזיגער פלאן ווייזט וואס פאר א גייסטיגע רעוואלוציאנערע ענדערונגען די לייבאר-פארטיי האט בדעה צו מא-כען אין דער אויסלענדישער פאליטיק פון גרויס-בריטאניען. עס קען גאר קיין ספק ניט זיין, אז די אלע פלענער וועלען באקעמפט ווערען סיי פון די קאנ-סערוואטיווען און סיי פון די ליבעראלען. די לייבאר-פארטיי ווייס דאס גאנץ גוט און זי איז וואהרשיינליך גרייט דורכצו-פאלען צו ווערען אויף אט דער פרא-גראם איהרער אין פארלאמענט. אויב די לייבאר-פארטיי זאל נידערגעשטימט ווערען אין פארלאמענט צוליב דער דא-זיגער פראגראם איהרער, און נייע פאר-לאמענט-וואהלען וועלען אין דער נאהענ-טער צוקונפט ווידער פארקומען, האט די לייבאר-פארטיי א גוטען אויסזיכט צו ווערען א מאיאריטעט-פארטיי אין דעם נעקסטען פארלאמענט.

פרויען-ארבייטער זעהען זיך מיט פרעזידענט קולידזש.

לעצטע וואך האט פרעזידענט קולידזש אויפגענומען א גרופע פרויען-ארבייטער, וועלכע זיינען געקומען פראטעסטירען געגען דעם „גלייכען רעכט“ אמענדמענט צו דער קאנסטיטושאן, פאר וועלכען די „נעשאנאל וואומען׳ס פארטי“ ארבייט.

פון אויבען אויף קען אזא דעלעגאציע פון ארגאניזירטע ארבייטער אויסקוקען מארנע, אויב ניט גאר א ווידערשפרוך. די ארגאניזירטע ארבייטער האבען פאר דעם מיטל פון צעהנדליגע יאהרען גע-קעמפט פאר דער גלייכבארעכטיגונג פון פרויען און די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר איז געווען איינע פון די ערשטע ארגאניזאציעס אין אמעריקא צו אגיטירען פאר דער פאליטישער גלייכ-בארעכטיגונג פון פרויען. איבערהויפט האבען די ארגאניזירטע פרויען-ארביי-טער אימער געהאלטען די גלייכבארעכ-טיגונג פון פרויען פאר איינעם פון זייע-רע הויפט-צילען איידער די פרויען הא-בען באקומען שטימרעכט.

דאך האבען די פרויען-ארבייטער זעהר גוטע גרינדע צו קעמפען געגען דעם פארגעשלאגענעם „גלייכע רעכטע“ אמענדמענט. מען דארף האבען אין זי-נען, אז ווען אזא אמענדמענט זאל אנ-גענומען ווערען וועלען אויטאמאטיש בטל ווערען אלע געזעצע וואס באגרע-נעצען די ארבייטס-שטונדען פאר פרויען אין פעקטאריס, מיינס, סטארס און אנ-דערע אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען; עס וואלט בטל געמאכט די מינימום-וויידזש געזעצע פאר פרויען, וואס עק-זיסטירען אין פארשיידענע סטייטס; עס וואלט געמאכט צונישט די אלע פאר-שיידענע געזעצע, וואס באשיצען ארביי-טער-מוטערס און אנדערע געזעצע לטובת פרויען-ארבייטער. די דאזיגע אלע גע-זעצע זיינען דורכגעפיהרט געווארען דורך אהן א שיעור ארבייט און קאמף מצד די ארבייטער-ארגאניזאציעס, און עס איז זיי פשוט א וועהטאג דער געדאנק, אז זיי אלע זאלען מיט איין מאל אפ-געווישט ווערען, ווי גאר אויף דער וועלט ניט געווען.

מען דארף זיך גאר ניט צופיל קלי-גען צו באווייזען, אז אפשאפען דעם 8-שטונדען געזעץ פאר פרויען מיינט ניט געבען נייע רעכטע די פרויען, נאר מיינט אין דער ווירקליכקייט זיי מעהר צו פארשקלאפען.

די זיכערקייט פון ארבייטער באנקען

פון פיליפ האקסמיין

היינט איז א געלט-ציוויליזאציע.

אין מאנכע טיילען פון אייראפא, וואו דאס געלט איז ווערטלאז, האלט די געזעל-שאפט ביים צוזאמענברעכען.

אין אמעריקא, וואו דאס געלט איז מעכטיג, איז די קאפיטאליסטישע ציווי-ליזאציע אויף דער העכסטער שטופע.

געלט איז דער פונדאמענט פון דער איצטיגער ציוויליזאציע. די אויפהאלטער פון דער איצטיגער ציוויליזאציע, די רע-גירונגען זיינען אמאייסטען באזארגט ווי אויפצוהאלטען די מאכט פון געלט.

אין אמעריקא קאנט איהר שפעקולירען מיט וואס איהר ווילט, אבער שפעקולי-רען מיט געלט ערלויבט ניט די רעגירונג.

דאס געלט-געשעפט, די „ביינקינג ביזנעס“, האט די רעגירונג געמאכט פאר דער זיכערסטער ביזנעס אין לאנד. צו פארלירען אין די ביינקינג ביזנעס איז פאקטיש אוממעגליך, אויב די רעגירונגס געזעצען וועגען ביינקינג ווערען אפגעהיט.

די רעגירונג איז געגען יעדען געלט-פארלוסט אין באנק-געשעפט, סיי פון דעם אינוועסטאר, סיי פון דעם דעפא-זיטאר. די ראיעלקייט פון באנק גע-שעפט איז נויטיג פאר דער ראיעלקייט פון געלט קורס.

דערפאר זיינען די רעגירונגס דעפארט-מענטס, וואס האבען די אויפזיכט איבער די ביינקינג ביזנעס, מעהר קאמפעטענט און מעהר עפישענט, ווי די אנדערע רע-גירונגס דעפארטמענטס.

די אינטערנעשאנאל יוניאן באנק איז א סטייט באנק, און איז אונטער דער אויפזיכט פון דעם ניו יארק סטייט ביינקינג דעפארטמענט. אט דער רעגי-רונגס דעפארטמענט האט ארויסגעגעבען דעם טשארטער פאר דער אינטערנעשא-נאל יוניאן באנק.

איידער דער דעפארטמענט האט ארויסגעגעבען דעם טשארטער, האט ער געמאכט א גענויע אונטערזוכונג פון וואס עס וועט באשטעהן דער פארמעגען פון דער באנק, אויך ווי ווייט עס זיינען פאר-אנטווארטליך די וואס ארגאניזירען די באנק. דער סטייט ביינקינג דעפארט-מענט האט זיך איבערצייגט, אז די יו-ניאנס וואס שטעהען הינטער דער באנק זיינען פינאנציעל אזוי פעסט און זיכער, ווי עס איז פעסט און זיכער דער ווערט פון די אמעריקאנער געלט.

דער באארד אוו דירעקטארס פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק איז צו-נויפגעשטעלט געווארען פון די פארשטע-הער פון די ארגאניזאציעס, וועלכע הא-בען א סך ערפאהרונג אין פינאנציעלע אנגעלעגענהייטען. יעדער מעמבער פון דעם באארד אוו דירעקטארס האט גע-מוזט נאכקומען אלץ וואס די באנק גע-זעצען פון לאנד פאדערען, ווייל דער באארד אוו דירעקטארס דארף זיין פאר-אנטווארטליך פאר דער ריכטיגער פיהרונג און פארוואלטונג פון דער באנק. דער באארד אוו דירעקטארס האט א מיטינג איין מאל א מאנאט, און אויף דעם מי-טינג ווערען באטראכט די געשעפטען, וואס די באנק האט געמאכט דעם גאנ-צען מאנאט. און אין פאל פון אן ארבייטער באנק, טראגט דער באארד אוו די-רעקטארס א טאפעלטע פאראנטווארט-ליכקייט, א פאראנטווארטליכקייט לויט די באנק געזעצען, און א פאראנטווארט-ליכקייט צו די ארבייטער ארגאניזאציעס, וועלכע זיי פארטרעטען.

דער סטייט ביינקינג דעפארטמענט האט געלאזט וויסען דעם באארד אוו די-רעקטארס פון דער באנק, דאס די באנק מוז געשטעלט ווערען אונטער דער פיה-רערשאפט פון א סטעיף באנק עקספערטען, וואס זיינען קאמפעטענט און פאראנט-ווארטליך און וואס קיינער קאן ניט צווייפלען אין זייער ערליכקייט.

אלס דזשענעראל מענעדזשער און וויס פרעזידענט איז אויסגעקליבען גע-ווארען פיליפ ר. ראדרינער, וועלכער איז פריהער געווען פארבונדען מיט דער „מוירקענטייל באנק אוו אמעריקא“, מיט דער „קארן עקסטשיינדזש באנק“ און נאך אנדערע פינאנץ אינסטיטוציעס. און דער סטייט ביינקינג דעפארטמענט האט צו-געשטימט צו דעם אויסוואהל פון דעם מענעדזשער, נאכדעם ווי מען האט זיך דארט איבערצייגט אין דער ערליכקייט און פעהיגקייט פון דעם מאן וואס איז אויסגעוועהלט געווארען.

די באנק וועט זיך עפענען דעם 5טען יאנואר, 1924, און וועט זיך פארנעהמען נאר מיט די געשעפטען, וואס ווערען ער-לויבט פון דעם סטייט ביינקינג דעפארט-מענט. א געוויסער פראצענט פון די דע-פאזיטס וועט שטענדיג געהאלטען ווערען אין באנק אין קעש. א געוויסער פרא-צענט וועט אינוועסטעט ווערען אין רע-גירונגס סעקיורעטיס, אין ניט ספעקולאטי-ווע ריילראוד און אינדוסטריעלע באנדס. קיין געלט וועט ניט אינוועסטעט ווערען אין סטאקס פון א ספעקולאטיווען אדער צווייפעלהאפטען כאראקטער.

דער סטייט ביינקינג דעפארטמענט וועט נאכזעהן די ביכער פון דער באנק יעדע זעקס מאנאטען און וועט שטרענג אויפפאסען, עס זאל מיט׳ן געלט פון דער באנק ניט געמאכט ווערען קיינע ספע-קולאציעס. און ווי שוין באמערקט, אויב א באנק קומט ריכטיג נאך אלע געזעצען פון דעם סטייט ביינקינג דעפארטמענט, איז עס אבסאלוט אוממעגליך, די באנק זאל פארלירען געלט. און א גרויסער טייל פון דער פארוואלטונג פון דער באנק וועט אינדירעקט זיך געפינען אין די הענט פון דעם סטייט ביינקינג דעפארט-מענט פון דער רעגירונג.

דאס וואס ארבייטער ארגאניזאציעס האבען זיך גענומען צו די באנק ביזנעס, איז עס טיילווייז דערפאר, ווייל זיי האבען זיך איבערצייגט אין דער זיכערקייט פון דעם באנק געשעפט, און אז מען קען דורכדעם מאכען פראפיטען פאר די אר-בייטער ארגאניזאציעס און זייערע מיטגלידער.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANGFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 51. New York, Friday, December 21, 1923.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

אין דער ריפער מאכער יוניאן לאקאל 17

נאך א פאר ווערטער וועגען די וואלען.

שבת, דעם 22סטען דעצעמבער, וועלען מיר אפהאלטען וואהלען פאר אלע לא-קאל בעאמטע. מיר ווילען און ווינ-שען, אז אלע אונזערע מעמבערס זאלען זיך אין די וואהלען באטייליגען.

א יוניאן איז א דעמאקראטישע אינ-סטיטוציע. דאס איז אן אמת וואס קיי-נער קען ניט אפלייקענען. נאר עס ווענ-דעט זיך צי די מיטגלידער פון דער יונ-יאן זיינען פאראינטערעסירט גענוג צו פיהרען די יוניאן אויף א דעמאקראטישען אופן. אלע בעאמטע פון דער יוניאן ווערען ערוועהלט פון פאלק. די מיט-גלידער מוזען שטימען פאר זייערע פאר-טרעטער.

עס פאסירט אבער זעהר אפט, אז אנשטאט די גרויסע מיטגלידערשאפט זאל קומען און באטייליגען זיך, קומען בלויז אייניגע, און אלס רעזולטאט ווערט די טעאריע פון „פאלקס הערשאפט" פארוואנדעלט אין א קאמעדיע. דער ערשטער געדאנק וואס מיר ווילען דא ארויסברענגען איז דעריבער דער: בא-טייליגט זיך אלע אין די קומענדע וואה-לען.

מיר ווייסען אז פילע טרייען זיך רעכט-פערטיגען מיט אלערליי אומבאגרינדעטע תירוצים, פאר וואס זיי קומען ניט שטי-מען. מאנכע באהויפטען, אז עס איז פאר זיי שווער צו קומען צו פאהרען. זיי וואלעווען, אדער פוילען זיך צו מאכען אן עקסטערא „טריפ". זעהט, מיר בעטען אייך, דיזען מאל, און קיינמאל ניט, אפ-קומען מיט אט דעם תירוץ. קומט איהר דען ניט פילע מאל צו פאהרען פון די בראנקס אדער פון בראנזוויל צו מאכען א שטונדע אדער צוויי ארבעט? דיינקט איהר ניט, אז די ערוועהלונג פון אייערע פארטרעטער פאדערט די זעלבע מאס אנ-שטרייגונג פון אייער זייט, ווי צו פאהרען מאכען א שטונדע ארבעט? מיר ווילען אייך דא זאגען גאנץ אפען: אייער שיקזאל, אייערע טעגליכע פארדינסטען, די צושטענדע אין די שעפער פאר דעם גאנצען קומענדען יאהר וועט זיין אפ-הענגיג אן דער פעהיגקייט פון די פאר-טרעטער וועלכע איהר וועט וועהלען. אויב איהר וועט ערוועהלען אן עקזעקוטיוו באארד פון ערפאהרענע און פעהיגע מעמ-בערס, וועט איהר דאן וויסען אז אייערע עקאנאמישע אינטערעסן זיינען אין גוטע הענט. וועט איהר אבער שלאפען אין דערהיים, און די ערוועהלטע וועלען זיין נים פון די פעהיגסטע און ערפאהרענע, דאן זאלט איהר וויסען זיין, אז די שולד וועט זיין א י י ע ר ע — יע אייערע.

איצט ווען מיר אייך זאגען נאך א זאך: ווען איהר וועט קומען שטימען זאלט איהר זיך היטען פאר די „עלעקשאן בעטלער". מיר מיינען די יעניגע, וואס וועלען ביי אייך טרייען אויסבעטלען א שטימע. זייט וויסען, אז די ערוועהלונג פון בעאמטע איז א זעהר ערנסטע שטיקל ארבעט. די ערוועהלונג פון אייער'ן א פארטרעטער דארף זיך ניט ווענדען אן דעם רחמנות אפיעל וואס א קאנדידאט, אדער א פריינד פון קאנדידאט, וועט צו אייך מאכען. שטימט פאר די יעניגע וועמען איהר קענט, וועמענס רעקארד אין דער יוניאן איז אייך גוט באקאנט, פאר דעם יעניגען וועמען איהר האלט פאר פע-היג און פארטרויאונגס-ווערט, צו האלטען דעם שיקזאל פון דער יוניאן אין זיינע הענט.

איצט נאך א זאך. די „אישו" פון דעם היינטיגען קאמפיין אין אונזער יונ-יאן איז די אלטע „אישו". מיר האבען ניט קיינע נייע „אישוס". די „אישו" איז: א פעהיגע און איבערגעבענע עקזע-קוטיוו באארד. מיר ווילען אן עקזעקוטיוו באארד וואס זאל באשטעהן פון מענשן, וועלכע פארשטעהען די יוניאן פראגען און וועלכע קענען זיך צוזאמענלעבען איינער מיט'ן צווייטען.

אויב עמיצער וועט זיך פאר אייך פארשטעלען אלס „ראדיקאל", אלס „פאר-געשריטענער", זאלט איהר גלייך וויסען, אז דער מאן זוכט ביי אייך אויסנארען אייער שטימע. מיר האבען ניט קיין „רא-דיקאלען" און „קאנסערוואטיווען". מיר האבען בלויז לאקאל 17 מעמבערס און דאס איז אלעס. סיידען אפשר אזעלכע „ראדיקאלען", וועלכע מיר קענען ניט און ווייסען ניט, און איהר קענט ניט און איהר ווייסט ניט פון זיי. אזעלכע זיינען זיכער ניט ווערט אייך צו פארטרעטען אין וועלכע פאדערונגען ניט דעם צוטרויען פון דער גרויסער מיטגלידערשאפט.

אלזא, געדענקט וואס מיר האבען אייך דא געזאגט:

ערשטענס — קומט שטימען. זיצט ניט אין דער היים שבת, דעם 22סטען דע-צעמבער. נוצט אויס אייער בירגער-רעכט. מאכט אייער יוניאן אן אמת-דעמאקראטישע אינסטיטוציע.

צווייטענס — היט זיך פאר „עלעק-שאן בעטלער". גיט ניט אב אייער שטי-מע בלויז רעד-פאר, וואס מען ראט אייך געבעטען. איידער איר שטימט פאר איי-נעם איבערצייגט אייך, ווער דער קאנדי-דאט איז. צי איז ער פעהיג גענוג אייך צו פארטרעטען. צי איהר קאנט איהם אלס א פאסיגען מיטגליד צו זיין אן עק-זעקוטיוו אדער דזשאינט באארד מעמבער.

דריטענס — געדיינקט אז די איינצי-גע „אישו" וואס מיר האבען איז: ער-וועהלען די בעסטע עקזעקוטיוו באארד. לעזט דעם באלאט פארזיכטיג. לעזט איהם אליין — אן ארויסהעלפערס. שטימט ניט פאר קיין אויסגעטראכטע „אישוס".

די פאלגענדע זיינען די קאנדידאטען פאר די פארשידענע עמטער אין אונזער לאקאל:

פאר עקזעקוטיוו באארד — הערי אטלאס, מייער ארשאוויטץ, אברהם בעל-סאן, לואי געלפאר, מאיר גענז, אייב גוד-מאן, מאריס דרעזען, לואיס היימאן, סעם הייפערלינג, וויליאם ווארשאפסקע, איזי-דאר וויסבלאט, לואיס ליפסקי, מאריס לעווענטאל, בעני לעווין, איזידאר מאש-קאוויטץ, בעני מאק, דזשאו סטאנקע-וויטש, מאקס סטעמפעל, דייוויד פאר-מעט, דזשייקאב פרידמאן, איזידאר פריד, מאריס קעסטען און אב. שאפירא.

פאר דעלעגאטען צום דזשוינט באארד — הערי אטלאס, אבראהאם בעלסאן, אבראהאם גאלדין, איזידאר וויסבלאט, מאריס לעווענטאל, איזידאר מאשקאוויטץ, דזשאו סטאנקעוויץ און מאריס קעפטיין.

פאר דעלעגאטען צו די געווערקשאפ-טען — הערי סארנער, לואיס סעלטצער, אב. סיימאן, לואיס בלאטץ און סעם ראטהמאן.

די פאלגענדע זיינען איינשטימיג ער-וועהלט געווארען ביים לעצטען מיטינג:

א. ב. גאלדין פאר פרעזידענט, לואיס ליפסקי פאר רעקארדינג סעקרעטאר, הערי סארנער פאר וויס-פרעזידענט, און דזש. העללער פאר פינאנס סעקרעטאר.

איצט, אז איר ווייסט שוין אלעס וועגען דעם קומענדען עלעקשאן, ווילען מיר אייך זאגען, נאך איין זאך. זעהט, אז אייער ביכעל זאל זיין אין גוטער ארד-נונג עלעקשאן טאג. איר דארפט דאך סיי-ווי באצאהלען. פארוואס זאלט איר-דאס אפלייגען אויף שפעטער און פאר-לירען אייער שטימע? באצאהלט איצט און באטייליגט זיך אין די וואהלען.

שטימען וועט מען קענען פון 9 אין דער פריה ביז 5 א זייגער אין אווענט, אין אונזער אפיס, 144 צווייטע עוועניו.

דזש. העלער, סעקר.

אויפ'ן פרישען קבר פון ברודער ב. מאלאף

באקענט האב איך זיך מיט איהם אין א שאפ אויף מארקעט סטריט. ער האט דארטען פיגורירט אלס האלבער פארמאן און האלבער סעמפעל-מאכער.

ער האט אויף מיר באלד געמאכט א גוטען איינדרוק. עס איז אויף איהם גע-לעגען דער שטעמפעל פון א היימישען משכיל. ער האט גערעדט און זיך גע-האלטען א סך אנדערש און איידעלער ווי די אנדערדע.

שפעטער האב איך איהם נעהענטער דערקענט. איך האב איהם געזעהן אלס עקזעקוטיוו מיטגליד, אלס טשערמאן פון לאקאל 5, און שפעטער אויך אלס טשער-מאן פון דזשאינט באארד. איך האב איהם געהאלטען פאר איינעם, וואס רעכנט, און באטראכט זיך מעהר גרינדליך ווי פילע אנדערע מעמבערס, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו האנדלען.

מיט א פאר יאהר שפעטער, ווען איך בין געווארען דער סעקרעטאר פון דער יוניאן, זיינען אונזערע בא-ציהונגען געווארען עטוואס אנגעצויגענע. איך האב דאס אויסגעטייטשט, אז ער איז מיר מקנא. נאך אלעמען, בין איך דאך געווען א גרינער אין שיקאגא אין פארגלייך צו איהם. און ער האט מיט רעכט געמעגט רעכענען, אז ער האט פאר דער אויפבויאונג פון דער יוניאן, אם ווייניגסטענס צו יענער צייט, געאפפערט מעהר ווי איך. און פאר וועניגער אינטעליגענט ווי איך האט ער זיך געוויס ניט געהאלטען, טו פאר וואס קומט מיר אזוי פיל כבוד און רוהם! ער האט זיך אבער אימער פארהאלטען מיט ווירדע, איז קיינמאל ניט ארוים מיט דעמאגאגישע שטיק, ווי אנדערע אויף זיין פלאץ האבען דאס ליידער יא געטאן. נאר דא און דארטען, פון צייט צו צייט, האט ער מיט א ווארט, און אפט בלויז מיט א קרים אויף זיין פנים, ארויסגעדריקט ......רידענהייט מיט די פיהרער און מיט דער פיהרונג פון דער יוניאן. ער איז אבער פארט געווען פארעכענט פון די בעסערע מיטגלידער.

און ביי יעדער עת צרה פלעגט ער זיין איינער פון די וועניגע, וועלכע מיר פלע-גען איינלאדען זיך וועגען עפעס וויכטי-געס צו בעראטען.

לעצטענס, ווען דער ערב-רב האט אנגעהויבען געוועלטיגען און די „רויטע גווארדייצעס" האבען גענומען שאלטען און וואלטען און מען האט אויף אן אונ-ברחמנות'דיגען אופן גענומען צאפען דאס בלוט פון יעדען „אריסטאקראט און ווייסען קאלנער", איז ער באמת געווא-רען א טראגישע פיגור. ווארים בעת די אנדערע פון זיין „טייפ" האבען זיך, יעדערער אויף זיין אופן, צוריקגעצויגען פון דאס עפענטליכע לעבען, איז ער נאך אלץ, אויף א מאדנעם פאר'עקשנ'טען אופן, באשטאנען אויף זיין רעכט, אלס איינער פון די עלטסטע יוניאן-לייט, וועלכער האט נעכט און טעג אוועקגע-געבען פאר דער יוניאן, און ער האט געמאנט זיין פלאץ אין דער באוועגונג, אבער יעדער פארזוך וואס ער האט גע-מאכט ערוועהלט צו ווערען, כאטש אין עקזעקוטיוו באארד, איז געווען א דורכ-פאל.

וואס ביי איהם אין דער נשמה איז פארגעקומען, איז זיך לייכט פארצושטע-לען. און ווער ווייס, אויב זיין קראנק-הייט, צוליב וועלכער מען האט איהם גע-מוזט אפערירען, איז טיילווייז ניט פאר-אורזאכט געווארען פון אט די אלע בזיונות און שפיכת דמים, וועלכע ער איז לעצטענס אויסגעשטאנען?

אבער קיין זאך קען דאך יעצט ניט העלפען. ער איז טויט. געשטארבען איז ברודער בארנעט מאלאף, און אוי-סער די עטליכע צייכען וואס איך האב דא אנגעשריבען און א שטילען טרעהר, שיק איך דורך דער „גערעכטיגקייט" מיין הארציגסטע סימפאטיע צו זיין פרוי און זיינע שעהנע, גוטהערציגע קינדער, וועלכע פיהלען דיזען אומגליק פיל שטארקער ווי אירגענד ווער פון אונז.

היימאן סקולמאן.

די דעזיינערס יוניאן לאקאל 45

אין דער דעזיינערס יוניאן לאקאל 45 ווערט אנגעפיהרט אהן רעש און אהן טומעל די נויטיגע יוניאן טעטיגקייט פאר די אינטערעסען פון די מיטגלידער. אי-בערהויפט ווערט אנגעפירט די ארגא-ניזאציאנס-ארבייט אריינצוציהען אלע דעזיינערס אין דער יוניאן. די לאקאל-לע בעאמטע און די אקטיווע מיטגלידער פיהלען, אז אויב מען וויל דאס די אונ-טערמידליכע ארבייט — אויפצובויען א שטארקען לאקאל, כדי צו קענען גרינד-ליך אויסבעסערען דעם מיזעראבלען צו-שטאנד פון די דעזיינערס, זאל זיין אן ערפאלג, וועט מוזען אלעס געטאן ווע-רען, אז אלע דעזיינערס זאלען ווערען מיטגלידער אין אונזער לאקאל יוניאן. די ארבייט מוז געטאן ווערען, און די צייט דאפיר איז גינסטיג. דען דער פאקט איז, דאס דער דעזיינער, כאטש מען רעכענט איהם, און מיט רעכט, אלס דעם גרעסטען קינסטלער פון פאך — שטעהט ער אבער היינט צו טאג אויף די נידעריגסטע מדרגה, אין מאטעריעלען זין.

ווען די יוניאן סטענדארדס פון די איבעריגע ארבייטער פון דער אינדוסט-ריע, אלס מיטגליעדער פון דער אינטער-נעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, ווערען אפגעהיט, זיינען אין דער זעלבער צייט די דעזיינערס אויסגעזעצט צו די הפקרות פון די באלעבאטים, אהן באשיצונג פון קיינעם. ס'איז דעריבער קיין וואונדער, וואס פילע דעזיינערס זיינען געצוואונגען זיך אנצובאטען אויפ'ן מארקעט צו א ליאדע קאקערטש באלעבעסעל. אויף די „הויכע ווידזשעס" פון 35 דאלאר, העכסטענס 50 דאלאר א וואך... און אלס צוגאב מוזען זיי נאך זיין פארלייטע אויך און שקלאפען לאנגע שטונדען, ערגער פון אלע ארביי-טער פון פאך.

אבער עס געפינען זיך נאך מאנכע נארישע פאנטאזיארען, וואס הלום'ען נאך פון יענע „גאלדענע צייטען", ווען יעדער דעזיינער האט געהאט דעם באס אין פאקעט, פארזיגעלט מיט א גוט בא-צאהלטען אגרימענט אויף א גאנץ יאהר אדער מעהר... די צייטען זיינען שוין אבער אוועק, און נאר נארען קאנען איצט פון דעם חלום'ען. די אינדוסט-ריעלע אנטוויקלונג פון קלאוק און דרעס טרייד, מיט'ן דזשאבינג סיסטעם און סאב-מאנופעקטשוריזם, האט אפגעשאפט דעם אריסטאקראטיזם פון די דעזיינערס, און האט זיי גענצליך פראלעטאריזירט. ד. ה., דער קאפיטאל האט אויך די דעזיינערס אריינגעווארפען אינ'ם זעלבען צושטאנד פון עקספלואטאציע, מיט אלע „פראסטע" הארעפאשניקעס צוגלייך.

נאך מעהר, די דאזיגע סיטואציע האט נאך פארערגערט דעם דעזיינער'ס צו-שטאנד דערמיט, וואס פילע דעזיינערס האבען גארניט ביי וועמען היינט צו אר-בייטען, ווייל די „סאבניקעס" זיינען אליין דעזיינערס, וואס מאכען זעלבסט זייערע סטיילס, און דאס וואס זיי דאר-פען צו בארייכערן זייער קונסט פון דעזייניננג, קריגען זיי דאס דורך גע-קויפטע פעטערנס ביי די וואנדערנדע ארבייטסלאזע דעזיינערס.

אט דאס האט זיך אויסגעלאזען פון די גאלדענע צייטען מיט די יעהרליכע אגרימענטס. אונטער אזעלכע אומשטענ-דען, צום באדויערען, קומט אויס די דע-זיינערס צו לעבען אין'ם איצטיגען מא-מענט. ס'וואלט דעריבער שוין געווען די העכסטע צייט דאס אלע דעזיינערס זאלען זיך אנשליסען אין דער דעזיינערס יוניאן. ספעציעל, ווען ס'שטייט פאר אין די נאהענטע צוקונפט גרויסע פאסי-רונגען אין דער לידיס גארמענט אינ-דוסטריע. קיין דעזיינער טאר ניט דורכלאזען די געלעגענהייט פון אריינ-צוטרעטען אין די ארגאניזירטע רייען פון די ארבייטער, כדי צוזאמען מיט דער גרויסער אינטערנעשאנאל ארמיי אויס-קעמפען א בעסערען און שעהנערען לע-בען, און איינצייטיג שטארקער און גרע-סער מאכען אונזער דעזיינער לאקאל פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 45,
ל. בראדפעלד, מענעדזשער.

די ערשטע אלגעמיין אידישע קאנסאמפטיוו סאניטאריום אין דער איסט

שווער איז די לאגע פון יעדען קראנ-קען, אבער נאך ערגער איז די לאגע פון דעם קראנקען ארבייטער. דער ארביי-טער וואס פארדינט נאר אויף צום אי-בערלעבען, זייענדיג דעם גאנצען טאג אין שאפ, אין דער פארשטיקטער, פאר-סמ'טער, נים פרישער לופט, איז מעהר פון יעדען אונטערגעווארפען דער געפאהר צו באקומען אנגעגריפענע לונגען. און וואו זאל ער זיי היילען? און מיט וואס זאל ער צאהלען?

קאנסאמפשאן איז א שרעקליכע קרענק. עס מוז האבען פרישע לופט, א ליכטיגען צימער. עס מוז האבען שטענ-דיגע אויפפאסונג. א קאנסאמפטיוו-קראנקער מוז זיין א געוויסע צייט אפ-געזונדערט, ווייל דאס איז אנשטעקענד. און וואס זאל טאן דער ארימער קאנ-סאמפטיוו-קראנקער ארבייטער, וועלכער וואוינט מיט זיין גאנצער פאמיליע אין איינער אדער צוויי קליינע רומקעס ער-געץ אויף דער איסט סייד?

עס זיינען דא רעגירונגס-אנשטאלטען, אבער ערשטענס איז דארט שטענדיג פול און עס איז שווער צו קריגען א וואַ-קאנסע. צווייטענס, קומט דארט אויס צו ליגען אין איין צימער מיט א שוואר-צען און איירישען, מיט אן אראבער און א גרעך, און ווי פיהלט זיך דארט א אידישער קראנקער? און וואס זאלען טאן די וואס קענען נים אריינקומען אין די רעגירונגס-אנשטאלטען, וועלכע זיינען קראנק געווארען איידער זיי האבען ארויסגענומען זייערע סיטיזען פייפערס? עס איז א שווערע און וויכטיגע פראגע, און לעזען די פראגע האבען אויף זיך גענומען אייניגע ליבענסווירדיגע פרויען אין ניו יארק.

אין לויף פון א פאר יאהר האבען זיי אנגעזאמעלט א ביסעל געלד. אייניגע פון זיי האט צוגעלעגט אייניגע 30,000 דאלאר און אזוי ארום האבען זיי אפגע-קויפט א פריוואטען סאניטאריום, וואס געפינט זיך אין דעם העכסטען און שעהנ-סטען געגענד פון ניו דזשוירזי, אין א וואלד פון פיינס, נים ווייט פון טרענ-טאן און בראוונס-מילס, וועלכע הייסט איצט „די דעבארא סאניטאריום" אדער אפיציעל „דעבארא דזשואיש קאנסאמפ-טיוו רעליף סאסייעטי".

די דעבארא סאניטאריום איז די ער-שטע און איינציגע אידישע קאנסאמפ-טיוו-אינסטיטושאן אין דער איסט. זי עקזיסטירט זעהר א קורצע צייט און איז דארום זעהר ווייניג באקאנט דעם ברייטען עולם. זי האט איצט ארום 36 פאציענ-טען, מענער און פרויען, און אפליקיי-שאנס זיינען דא אהן אן ערך מעהר, און ליידער קען זי זיי נים נאכקומען, ווייל עס פעהלען מיטלען. און דארום ווענ-דעט זיך די דעבארא סאניטאריום צו אלע אידישע יוניאנס, זיי זאלען ארויס-שיקען קאמיטעס צו זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען און באקענען זיך אויפ'ן ארט מיט דער גרויסער און וויכטיגער ארבייט וואס דער אנשטאלט האט גע-טאן און טוט.

דער ניו יארקער אפיס געפינט זיך אין 66 וועסט 114טע סט. טעלעפאן יוניווערסיטי 0205.

עדיוקיישאנאל נאטיצן

די וואהלען אין ענגלאנד און ארבייטער בילדונג.

די רעזולטאטען פון די לעצטע וואהלען אין ענגלאנד זיינען א גוטער ענטפער פאר די וואס צווייפלען אן דער אלגעמיינער אינטעליגענץ פון דעם ארבייטער־קלאס. קיין פראפאגאנדא פון דעם קאפיטאליסטען־קלאס האט ניט געהאלפען, כיע, האט די ארבייטער ניט געקאנט פארדרייען די קעפ מיט קיינע פארשפרעכונגען וואס זיינען דארט געמאכט געווארען פון די קאפיטאליסטישע פארטייען אין צייט פון דעם קאמפיין.

„די בריטיש לייבאר פארטי" האט אנגעפירט א שטארקע געגען־פראפאגאנדע, אנווייזענדיג ווי די קאפיטאליסטישע פארטייען ווילען ווידער אמאל פארדרייען די ארבייטער א קאפ ניט געבלאפטע צוזאגצען פון „פראטעקטען די אינדוסטריען צו פארמיידען ארבייטס־לאזיגקייט" און אזוי ווייטער. און דער רעזולטאט איז, אז די ארבעטער האבען זיך דאס מאל ניט געלאזען פארפיהרען. דער רעזולטאט פון די וואהלען, „דער זיג פון דער לייבאר פארטי", ווייזט גאנץ קלאר, אז די ארבייטער אין ענגלאנד פארשטעהען אויסגעצייכנט די עקאנאמישע פראגען און זיי האבען געשטימט נאר פאר די קאנדידאטען פון זייער אייגענער פארטיי.

און דער זיג פון דער לייבאר פארטי אין ענגלאנד גיט צו באגייסטערונג צו אלע די וואס גלויבען אין ארבעטער־בילדונג. דאס גיט אונז האפענונג, אז אויך היגע ארבייטער וועלען אמאל קומען צום שכל, ווי די ארבייטער אין ענגלאנד. אמת, עס וועט נאך אפשר נעהמען צייט, אבער אין ענגלאנד האט עס אויך גענומען צייט, מיט אמאל איז עס ניט געווארען! די רעזולטאטען פון ארבייטער־בילדונג וועלען ענדליך אפצאלען דער ארבייטער־באוועגונג פאר דער גאנצער מיה און אנשטריינגונג וואס ווערט געמאכט די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט אויפצוהאלטען.

יוניטי סענטערס וועלען זיין פארמאכט קריסטמעס וואך.

וועלען זיך ווידער עפענען מיטוואך, דעם 2טען יאנואר, 1924.

אונזערע יוניטי סענטערס וועלען זיין פארמאכט אין דער קריסטמעס וואך און וועלען זיך ווידער ערעפענען מיטוואך, דעם 2טען יאנואר, 1924.

מר. ווילבערט וועט פארטזעצען זיין קורס איבער „די מאדערנע עקאנאמישע אינסטיטוציאנען" אין איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63, פערטע סט., לעבען ערשטע עוועניו, מיטוואך, דעם 2טען יאנואר.

די קורסען אין די אנדערע יוניטי סענטערס וועלען פארטגעזעצט ווערען מאנטאג, דעם 7טען און דינסטאג דעם 8טען דעצעמבער.

א קורס איבער געזעלשאפטליכער פסיכאלאגיע.

אלעקסאנדער פיטשהענדלער, אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, וועט געבען א קורס פון זעקס לעקציעס איבער „געזעלשאפטליכער [illegible]" פאר אונזערע מיטגלידער אין בראנזוויל.

אין [illegible] מר. פיטשהענדלער קלאר מאכען די פונדאמענטאלסטע כאראקטער שטריכען פון דער מענשליכער נאטור און וואסערע ראלע יעדער פון די אנגעוויזענע שטריכען שפילט אין דער ארגאניזירטער געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט וועט געשאנקען ווערען צו יענע שטריכען, וואס זיינען געוועהנליך א שטערונג אין געזעלשאפטליכער ארבייט און מיטלען וועלען אנגעוויזען ווערען ווי אזוי זיי צו בייצוקומען.

די וואס ווילען באזוכען די לעקציעס, זאלען זיך ווענדען פאר אויסקינפטע אין אפיס פון לאקאל 1 און לאקאל 91, אדער צו אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט, ניו יארק.

אלעקסאנדער פיטשהענדלער אין פילאדעלפיא.

אלעקסאנדער פיטשהענדלער, אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, וועט לעקטשורען איבער „סאציאלע פסיכאלאגיע" פאר אונזערע מיטגלידער אין פילאדעלפיא, פרייטאג, דעם 21טען און 28טען דעצעמבער, אין 1035 ספרוס סטריט. די דריטע און לעצטע לעקציע וועט געגעבען ווערען פרייטאג, דעם 4טען יאנואר.

איינטריט איז פריי פאר מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל.

א לעקטשור אין אדיטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל.

„די פילאזאפיע פון אנאטאל פראנס", א לעקציע פון נ. ב. פייגין, וועט געגעבען ווערען שבת, דעם 29טען דעצעמבער, 1.30 בייטאג, אין א. ל. ג. וו. י. בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

אזוי ווי וואשינגטאן אירווינג הייסקול וועט זיין פארמאכט שבת, דעם 29טען דעצעמבער, וועט די לעקטשור געגעבען ווערען אין אודיטאריום פון אינטערנעשאנאל בילדינג.

איינטריט איז פריי צו מיטגלידער פון דער א. ל. ג. וו. י.

שוצט מיליאנען מענשען פון פערקיהלונג.

מיליאנען מענשען אין דער גאנצער וועלט באנוצען Hill's Cascara Bromide Quinine אום זיך צו שיצען פון פארקיהלונגען, גריפ און אנדערע ווינטער־קראנקהייטען. וואס הילל'ס קאסקארא טהוט פאר אנדערע, קען עס אויך אויפטאן פאר אייך. פארלאנגט די רויטע באקס מיט מר. הילל'ס פארטרעט און אונטערשריפט.

אין אלע דראג סטארס.
30 סענט.

W. H. HILL COMPANY
DETROIT, MICH. J—62

די קלאסען פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט

וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט, רום 529.

שבת בייטאג, דעם 22טען דעצעמבער

פראפעסאר בוירד סטאיר וועט פארטזעצען זיין קורס איבער: „די סאציאלע כוחות אין דער איצטיגער ליטעראטור".

שבת, 2.30 בייטאג,

דייוויד י. סאפאס וועט פארטזעצען זיין קורס איבער: „די אמעריקאנער ארבייטערשאפט אין דער מאדערנער ציוויליזאציע".

זונטאג, 10.30 אין דער פריה, דעם 23טען דעצעמבער.

דר. ה. אווערסטריט וועט פארטזעצען זיין קורס איבער: „דער פונדאמענט פון דער מאדערנער ציוויליזאציע."

זונטאג, 11.30 פריה.

דר. ה. י. קארמאן וועט פארטזעצען זיין קורס איבער: „די פאליטישע און סאציאלע אינסטיטוציעס אין דער מאדערנער ציוויליזאציע."

שבת, 1.30, דעם 29טען דעצעמבער.

נ. ב. פאגין וועט ריידען אין אודיטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סט., איבער: „די פילאזאפיע פון אנאטאל פראנס". פריי איינטריט פאר די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל.

די יוניטי סענטערס

אונזערע יוניטי סענטערס וועלען די וואך זיין געשלאסען. זיי וועלען זיך ווידער עפענען די וואך פון 2טען יאנואר, 1924.

עקסטענשאן דיוויזשאן

פרייטאג, דעם 21טען דעצעמבער

א ריהוירסעל פון דעם אינטערנעשאנאל כאר, אין דעם בראנזוויל לייבאר לייסעאום, 229 סעקמאן סט., בראנזוויל. מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זיינען געלאדען צו קומען.

זונטאג, דעם 23טען דעצעמבער

ה. ראגאף וועט ריידען אין אידיש, אין „פארווערטס" האל, 175 איסט בראדוויי, איבער: „די אמעריקאנער ציוויליזאציע". די לעקטשור וועט זיך אנפאנגען 12 מיטאג צייט.

דאנערשטאג, דעם 27טען דעצעמבער

מר. גאלדבערג וועט פארטזעצען זיין קלאס אין ענגליש, אין דעם עדיוקיישאנאל סענטער פון די ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17, אין 142 2טע עוועניו. דער קלאס וועט געגעבען ווערען פון 6 ביז 8 אוהר.

די קורסען אויף דער פראווינץ

אין קליוולאנד.

מאנטאג אווענט, אין אפיס פון דזשאינט באארד, 203 סופיריאר בילדינג. ה. א. אייקינס וועט געבען א קלאס אין פסיכאלאגיע.

דאנערשטאג אווענט, א לעקטשור איבער: „די צילען, פראבלעמען און טאקטיק פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג."

אין באלטימאר.

דינסטאג, דעם 8טען יאנואר, וועט נ. ב. פאגין ריידען אין אידיש, איבער: „ווי צו פארשטעהן די סאציאלע און עקאנאמישע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטאאטען". די לעקטשורס אין באלטימאר ווערען געהאלטען אין אפיס פון דזשאינט באארד, 201 אסקיויטה סטרים.

אין פילאדעלפיא.

פרייטאג אווענט, דעם 28טען דעצעמבער, וועט אלעקסאנדער פיטשהענדלער ריידען איבער: „סאציאלע פסיכאלאגיע". די לעקטשורס ווערען געהאלטען אין 1035 ספרוס סט., פילאדעלפיא.

טעטיגקייטען ביי די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן

פון א באאבאכטער.

פרייטאג, דעם 14טען דעצעמבער, איז דא געפייערט געווארען די אפיציעלע ערעפענונג פון דער בילדונגס־טעטיגקייט, וועלכע ווערט אנגעפיהרט פון דעם אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט צווישען די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלען.

די פייערונג האט שטאטגעפונדען אין גרויסען „פארד האל" וואו א שעהנער און אינהאלטסרייכער קאנצערט פראגראם איז דורכגעפיהרט געווארען.

צו דער געלעגענהייט זיינען ארויסגעשיקט געווארען איינלאדונגען צו אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל אין באסטאן, און דער רעזולטאט האט ווייט איבערגעשטיגען די אפטימיסטישע ערווארטונגען פון דער אראנזשמענטס קאמיטע. נאך מיט א שטונדע איידער די טירען האבען זיך געעפענט, זיינען שוין פילע געשטאנען אין ליין, און פינף מינוטען נאכדעם ווי דער האל האט זיך געעפענט, איז שוין מעהר קיין פלאץ ניט געווען צו באקומען זאגאר אויף דער באלקאני. פילע מעמבערס זיינען געצוואונגען געווען דורכצושטעהן דעם גאנצען אווענט, ווייל כמעט קיינער איז ניט אוועק אהיים ביז'ן שלוס.

דער טשערמאן פון דער באסטאנער עדיוקיישאנאל קאמיטע האט פארגעשטעלט דעם פארזיצענדען פון אבענד, ווייס־פרעזידענט ברודער מאנאססאן, וועלכער האט אין א פאר קורצע ווערטער ערקלערט די באדייטונג פון דער פייערונג.

בר. מאנאססאן האט דאן פארגעשטעלט די פארשידענע ארטיסטען, וועלכע האבען מיט זייער זינגען און שפילען אריינגעבראכט די פארזאמעלטע אין גרויס באגייסטערונג. צווישען די אנטייל־נעהמער אין קאנצערט זיינען געווען פראפעסאר מאראס, א טאלאנטפולער פיאניסט און זיין בארימטער קווארטעט, הערר ב. טשערקאסקי, אסיסטענט קאנצערט מייסטער פון דער באסטאן סימפאני ארקעסטרא, האט געשפילט איינינע וויאלין סאלאס און האט אזוי אויסגענומען ביים פובליקום, אז מען האט איהם ניט געלאזען ארונטערגעהן פון סטיידזש, ביז וואנען ער האט נישט געשפילט נאך איינינע ענקארס.

די רעדנער פון אבענד זיינען געווען פראפ. קלארענס ר. סקינער, פון טאפט'ס קאלעדזש, דר. אניטא קאניקאוו און אונזער איינענע, מיסס פאניא מ. קאהן, וועלכע איז ספעציעל פאר דעם אבענד געקומען פון ניו יארק. די אלע רעדנער האבען פון פארשידענע שטאנדפונקטען באטאנט די וויכטיגקייט פון בילדונג פאר ארבייטער. ספעציעל ביים יעצטיגען מאמענט, ווען אין פילע לענדער שטעהען די ארבייטער ביים רודער פון די רעגירונגען, און מען קען ניט וויסען ווי שנעל עס קען פאסירען, אז אויך אין די פאראייניגטע שטאאטען זאל אן ארבייטער פארטיי אויסקומען איבערצונעהמען די פיהרערשאפט אין איהרע הענט. און צו דעם דארף מען איצטער צוגרייטען דעם ארבייטער־קלאס דורך בילדונג. די אלע רעדנער זיינען אויפמערקזאם אויסגעהערט געווארען, און מען האט געפיהלט, אז זייערע רעדעס האבען געפונען אן אפקלאנג אין די הערצער פון די אלע פארזאמעלטע.

דער אבענד איז צווישען אונזערע מעמבערס „דהי טאוק אוו דהי טאון" און וועט לאנג, לאנג פארבלייבען צווישען זייערע שעהנע ערינערונגען.

* * *

די וואך זיינען ביי מאנכע לאקאלס דא פארגעקומען אפשטימונגען וועגען דער קאנווענשאן־שטאדט. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס מאנכע צוקונפטיגע קאנדידאטען וואלטען געוואלט „כאפען א רייזע" לכבוד דער קאנווענשאן, דאך האבען אלע איינשטימיג געוואוט פאר באסטאן. ווען מיר וואלטען ניט מורא געהאט, אז צופיל קאנדידאטען זאלען אין אנדערע שטעדט ניט וועלען לויפען אלס דעלעגאטען צום קאנווענשאן, וואלטען מיר אייך אויסגעזאגט א סוד, אז באסטאן ריכט זיך צו געבען די דעלעגאטען צום נעקסטען קאנווענשאן — און מיר דא זיינען שוין כמעט ווי זיכער, אז די קאנווענשאן וועט שטאטפינדען אין באסטאן — א פיינע רעספעפשאן און גוד טיים. אבער, פליז, האלט עס בסוד.

פרעזענטירען דעם שאפ־טשערמאן.

די ארבייטער פון דער בעטהראוב פירמע פישער און דזשעלאנקא, פון 11 א. 26טע סט., וועמעס שאפ עס איז ארגאניזירט געווארען אין דעם לעצטען גענעראל סטרייק, פון דעם פאך, האבען פרעזענטירט זייער שאפטשערמאן, ברודער פיליפ מאינעלא, מיט א שעהנעם גאלדענעם זייגער, פאר זיין גוטער יוניאן ארבייט.

דער שאפ־טשערמאן איז אויך אקטיוו אין דער יוניאן, און איז דער טשערמאן פון דעם אדווייזארי קאמיטע פון דער בעטהראב מייקערס יוניאן.

די קאמיטע.

TEA GATE RESTAURANT

The Rendezvous of Refinement

Luncheon, Dinner and
Afternoon Tea

141 EAST 17th STREET

Tel. Stuvesant 4054

אין די רייכע גאַסען

(ערצעהלונג)

פון אברהם רייזען.

וועלוועל דער שוסטער, א הויכער דאַ־רער איד מיט פרעהליכע אויגען, וואוינט שוין זייט ער איז „פאר זיך" א בעל־הבית געוואָרען, און האָט אן אייגענעם וואַרשטאַט, אויף דער סמאַטשע גאַס. וואוינען וואוינט ער אין א קעלער, די קליינע פענסטערלאך געהען ארויס צום הויף. דער הויף איז א שמאָלער, די הייזער פיער־שטאָקיגע, און דעריבער איז ביי וועלוועלען אין „וואוינונג" שטענדיג „פאַרנאַכט", ליכטיג ווערט נאָר אין וואוינונג דאַן, „ווען עס ווערט שוין גוט נאַכט" און דאָס ווייב, חייקע, צינדט אָן דעם לאָמפּ.

— עס וואָלט געווען א יושר — זאָגט אַמאָל וועלוועל, ווען דער לאָמפּ ברענט און דאָס פייער מאַכט איהם מונטער, — עס וואָלט געווען א יושר, אז דער לאָמפּ זאָל ביי אונז אין „זאַל" ברענען א גאַנצען טאָג, אזוי זעהט מען גאָרניט די טייערע מעבעל און די גאַרדינען....

דער איינציגער פועל, וועלכען ער צאָהלט א רובעל א וואָך מיט קעסט און קוואַרטיר, שמייכעלט צו און ענטפערט:

— בעסער, ר' וואָלף, ציהט זיך ארויס אין א נייער דירה!

— אין א נייער דירה וועלען מיר זיך אויף אם־ירצה־השם אריבערציהען, — ענטפערט וועלוועל פרעהלאך קלאַפּענדיג אין פאַדעשווע די טשוועקלאך. איבער הונדערט און צוואנציג יאָהר און אפשר פריהער וועל איך האָבען א דירה איינס אין דער וועלט... דו וועסט צו מיר קומען געוואָהר ווערען? — ענדיגט ער, לוסטיג אויסשטעלענדיג אויפ'ן פועל די פריילכע אויגען.

—איידער יענע דירה, שוין בעסער דאָ אין קעלער! — ענטפערט דער פועל א קראַץ־טועגדיג זיך.

— וואָס איז, נאַרעלע, וואָס פעלט דאָרטען? — שמייכעלט וועלוועל ווייטער, — דאָרטען וועסטו גלייך אויס שוסטער און הויבסט אָן גלייך באַקען בייגעל... האָסט עפּעס ליב פרישע, טרוקענע בייגעל?

— בייגעל מיט סמעטענע דאַרף זיין ניט שלעכט, — הויבט שוין אָן זיך ווייצלען אויך דער פועל.

— ע, ביזט שוין נאָר א פרעסער, — ווערט וועלוועל כלומרשט ערנסט — בייגעל אליין איז דיר ווייניג, ווילסט נאָך סמעטענע?....

און אזוי וויצעלט מען זיך פאר'ן לאָמפּ אלע נאַכט כמעט. עס איז קענטיג, אז די ליכטיגקייט מאַכט אויף די צוויי ארבייטער א גרויסע ווירקונג. און ווער ווייסט ווי פרעהלאך זיי וואָלטען זיין, ווען א גאַנצען טאָג וואָלט טאַקע א לאָמפּ אין קעלער געברענט?...

דאָס איז אָבער א זאַך, וואָס איז נים מעגליך. נאַפט איז זעהר טייער און פאַרדינען פאַרדינט וועלוועל זעהר ווייניג. ער ארבייט פאר א פאַבריק און נעמט 6 רובעל א וואָך. צאָהלט ער פאר'ן קעלער 2 רובעל א וואָך, א רובעל נעמט צו דער פועל און דריי רובעל געהט אוועק אויף עסען פאר איהם מיט'ן פועל, מיט דעם ווייב און די צוויי קינדער, וואָס ער האָט. עס איז גוט, וואָס עס קלעקט אויף נויטיגע זאַכען, אָבער ניט אויף לוקסוס — ברענען ביי טאָג א לאָמפּ.

אמת, אַמאָל טרעפט, אז ער דאַרף נויטיג אָפּשוואַרצען א קנאַפּעל ביי טאָג. דעמאָלט מוז ער אָנצינדען פייער. נאָר דערצו האָט ער א קליין לעמפּעל, אָהן א גלעזעל, און עס רויכערט מעהר איידער עס ברענט. און וועלוועל האָט ניט קיין גרויסען תענוג פון אזא מין ליכטיגקייט. פאַרקערט, חייקע, א שוואַכע קראַנקע פרוי, קלאָגט זיך ניט זעלטען, אז זי פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ פון רויך.

— ביזט דאָך נאָר א גאַנצע „מאַדאַם", מיין ווייב — וויצעלט זיך דעמאָלט וועלוועל — וואו ביזטו דאָס געהאַדעוועט געוואָרען?

אז ער דערהערט אָבער חייקע'ס א קרעכץ, פאַרשווינדט זיין וויציגע שטימונג און ער ענטפערט ערנסט און געריהרט:

— שאַ, חייקעלע, שאַ. באַלד פאַרלעש איך. אָט איך שוואַרץ נאָר אָפּ דעם קנאַפּעל....

און ער פאַרלעשט טאַקע באַלד....

יע, א גאַנצע וואָך וואוינט וועלוועל אויף דער סמאַטשע גאַס אין פינסטערען קעלער און לעכצט נאָך אביסעל ליכט. דערפאַר אָבער שבת ציהט ער זיך אריבער אין די שענסטע, ליכטיגסטע, רייכסטע וואַרשעווער גאַסען און פאַרגעסט דאַן די סמאַטשע גאַס, דעם קעלער און אפשר זיך אליין. עס טוט זיך אויף איהם אָן נאָר אַנאַנדער הויט, ער ווערט עפּעס נאָר־אַנאַנדער מענש. עפּעס פילט ער, אז ער איז אביסעל גלייך צו די איבעריגע מענשען, וואָס ער באַגעגענט אין די רייכע, שעהנע און ליכטיגע גאַסען...

שבת דאַוועט ער ותיקין. כאָטש חייקע קען ניט פאַרשטעהן, וואָס איז אויף איהם אזא אייַלעניש. — ער האָט איין טאָג אין וואָך, וואָס ער קען זיך אויסשלאָפען, שטעהט ער אויף נאָך פריהער ווי אין מיטען דער וואָך. א משוגענער און נאַר! ביז צעהן א זייגער איז ער שוין זיך פאַרטיג מיט'ן טשאָלענט, ער טרייבט און יאָגט: גיכער! און גלייך נאָכ'ן עסען לאָזט ער זיך געהן צו די רייכע שעהנע גאַסען.

אָט איז שוין די סמאַטשע גאַס הינטער איהם. עס באַווייזט זיך שוין עפּעס א שענערע גאַס. וועלוועל הויבט שוין אָן געהן לאַנגזאַמער — דאָ איז אויך ניט שלעכט... נאָר ער האָט נאָך אין זינען די איבעריגע ברייטע, לוסטיגע גאַסען, און א וואַרעמע פרייד גיסט זיך און פליסט דורך אלע זיינע גלידער, און ער לעבט און האָפט: באַלד, באַלד!...

אָט איז שוין די „האָניג־גאַס" — ברייט און לאַנג איז זי — דער ברוק פון טייערען האָלץ, די הייזער זיינען אלע פון איין הויך, אויפגעשטעלט ווי א פאָלק סאָלדאַטען — סמירנאָ! א מחיה דאָ... נאָר ניין! די גאַס איז נאָך גאָרניט אנטקעגען דער קראַקויער פאָרשטאָדט, וואָס נעמט זיך רעכטס פון דער האָניג־גאַס. דאָס איז אביסעל א גאַס!... אך! ווי ברייט זי איז! ווי רייך!... עס פינקעלט אין די אויגען!

וועלוועל איז אפילו א איד ניט קיין פחדן, לאַכט זיך אויס פון אלץ אין דער וועלט, נאָר אויף דער קראַקויער פאָרשטאָדט טרעט ער אריין אביסעל דערשראָקען און צוטומעלט, און עס לויפט איהם דורך אין קאָפּ עפּעס א פראַגע, צי מעג מען דאָ געהן. נאָר ער דערמאָנט זיך גלייך, אז דאָס האָט ער א טעות: דאָ מעג מען יע, — אין זאַקסישען גאָרטען טאָר מען ניט...

און וועלוועל ווערט פריילאַך און לאַכט אין האַרצען פון די נאַרישע אָרדנונגען אין וואַרשאַ:

זיי ווייסען זעהר וואָס צו פאַרוועהרען! — טראַכט ער — אויך מיר אַן אומגליק ניט צו געהן אין זאַקסישען גאָרטען!... וואָס איז דאָרטען אזוינס? — בוימער! א טייערע מעשה! אָט דאָ וואָלטען די נאַרען פאַרוועהרען, וואָלט טאַקע געווען אן אומגליק... דאָ איז טאַקי גוט, ליכטיג, נערוים, ברייט....

און וועלוועל געהט ווייטער. טיפער אריין אין דער רייכער גאַס און קען ניט פאַרשטעהן, פאַרוואָס איז דאָ ניט פאַרווערט איהם צו געהן... אמת, ער האָט אָנגעטאָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָבער וואָס האָט זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, וואָס האָט שוין אין די ארבעל צו לאָטקעס, פאר א ווערטה אין אזא רייכער גאַס?...

און וועלוועל באַנוצט זיך מיט דער נאַרישקייט פון די וואַרשעווער אָרדנונגען, וואָס מען לאָזט איהם דאָ געהן, און הויבט זיך אָן אָפּשטעלען ביי אלע גרויסע פינקלענדיגע מאַגאַזינען. זיין אויג קאָן זיך זאַט נישט אָנקוקען, און ער קוקט און איילט זיך. איין אויג דערזעהט איין אויסשטעלונג, דאָס צווייטע אויג כאַפּט א קוק אויף א צווייטע אויסשטעלונג, און וועלוועל וויל אלץ באַקוקען, און דאָ איז קיין צייט ניטאָ. דער טאָג שטעהט ניט... און ער געהט ווייטער און ווייטער.

און געהענדיג פאַלען איהם אריין אין קאָפּ טויזענטער מחשבות, איינע ווילדער פאר דער אנדערער. אזעלכע מחשבות, וואָס ווען זיי וואָלטען איהם אין מיטען וואָך אריינגעפאַלען, וואָלט ער זיך זיכער דערשראָקען און מיינען, אז ער ווערט משוגע. דאָ ווערט ער אָבער א גרויסער בעל דמיון, און אפילו אויף די מחשבה, וואָס פליהט איהם כמעט אלע שבת דורך אין קאָפּ, צו איבערציהען זיך אַמאָל האָטש ווען עס איז, האָטש פאר'ן טויט, אהער אין דער גאַס, דינגען דאָ א וואוינונג, אפילו אויף אָט די מחשבה קוקט ער אויך גלייכגילטיג, ווי אויף עפּעס מעגליכעס... שבת, וואוינענדיג אויף די רייכע גאַסען, ווערט ער נאָר אַנאַנדער מענש און דענקט נאָר אַנדערש...

אויף דורכגעהן אלע רייכע, לוסטיגע, ליכטיגע גאַסען געדויערט ביי איהם דער גאַנצער טאָג. מנחה־צייט לאָזט ער זיך געהן צוריק, צוריק... די רייכע גאַסען פאַרשווינדען אלץ מעהר און מעהר, בלייבען הינטער איהם, און ער פאַלט אלץ ביסלאַכווייז צוריק אריין אין די אָרעמע גאַסען, ביז ער דערגרייכט צו די סמאַטשע גאַס...

בעת ער קומט צו די סמאַטשע גאַס, איז שוין דונקעל. ער לאָזט זיך אריינגעהן אין קעלער, פרעגט פאר וואָס צינדט מען ניט אָן קיין פייער, און באַקומענדיג אַן ענטפער, אז עס איז ניטאָ קיין נאַפט, פאַלט ער א מידער אויפ'ן צובראָכענעם בעטעל און ווערט אזוי איינגעשלאָפען אין דער פינסטער....

אין חלום אָבער זעהט ער נאָך די רייכע, ליכטיגע גאַסען...

דער קאַמף פון די בעקערס אינטערנעשאַנאַל נעגען דער וואַרד פירמע

די אינטערנעשאַנאַל פון די „בייקערי און קאָנפעקשיאָנערי וואָרקערס" פון אמעריקע פיהרט אָן א קאַמף נעגען דער מיליאָנערסקער פירמע וואַרד. דער קאַמף איז א פאַרביסענער און געדויערט שוין א לענגערע צייט.

צו דעם אָנקומען פון דעם נייעם יאָהר האָט די בעקערס אינטערנעשאַנאַל יוניאָן ארויסגעשיקט א סטייטמענט צו אלע יוניאָנס אין לאַנד, אום צו באַקאַנען די יוניאָנס ווי עס האַלט מיט דעם קאַמף נעגען די וואַרד קאָמפּאַניע, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט:

„אין ארום 5000 שטעדט פון די דרייסיג שטאַטען, אין וועלכע די „וואַרד בייקינג קאָמפּאַני" טוט ביזנעס, זיינען דאָ ארום 15,000 ארבייטער ארגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אקטיוו צו העלפען די בעקערס אינטערנעשאַנאַל יוניאָן אין דעם קאַמף נעגען דער דערמאָנטער פירמע.

„מיליאָנען פאַמפלעטס און צירקולאַרען ווערען פאַרטיילט, פאַרשיידענע פאָסטערס ווערען אויסגעקלעפּט און אויפגעהאָנגען אין די יוניאָן אָפּיסעס און מיטינג רומס, אין וועלכע עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם קאַמף.

„רעזאָלוציעס אין וועלכע דער קאַמף ווערט אינדאָרסירט, זיינען אָנגענומען געוואָרען פון טויזענטער לאָקאַל יוניאָנס פון פאַרשיידענע טריידס; אויך פון הונדערטער צענטראַלע שטאָדט קערפּערשאַפטען און סטייט פעדערײשאַנס אָוו לייבאָר. אפילו אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אין פּאָרטלאַנד, ארעגאָן, איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג א רעזאָלוציע וואָס אינדאָרסירט דעם קאַמף, דערביי פאַרשפּרעכענדיג די הילף פון דער גאַנצער ארבייטער באַוועגונג פון לאַנד.

„דער פאַקט, אז די וואַרד בייקינג קאָ. איז נעגען יוניאָנס, ווערט אלץ מעהר באַקאַנט, און עס פאַרשטעהט זיך, אז דאָס טוט ניט קיין טובה דער פירמע. און עס איז נויטיג, דאָס דיזער קאַמפּיין פון די ארגאַניזירטע ארבייטער זאָל אָנהאַלטען. ווייל עס איז נאָר א פראַגע פון צייט, ווען אונזער זיג וועט זיין פולשטענדיג. מיר אנערקענען זעהר די הילף וואָס מען האָט אונז נעגעבען ביז יעצט און מיר בעטען דאָס אָנצוהאַלטען אויף ווייטער.

„און צום אָנקומען פון דעם נייעם יאָהר בעטען מיר אלע ארגאַניזאַציעס, אין דער קאָרעספּאָנדענץ מיט זייער אפּיליאייטעד יוניאָנס איינצושליסען דאָס פאָלגענדע:

„עס זאָל באַקאַנט זיין וואו איהר עסט, אין דער היים אָדער וואו אנדערש, דאָס די וואַרד ברויט און קייק איז ניט קיין יוניאָן פּראָדוקט; איהר זאָלט קויפען און עסען ברויט נאָר מיט'ן יוניאָן לייבעל, אימער נעדענקענדיג, דאָס די פּראָדוקטען פון די וואַרד בייקינג קאָמפּאַני זיינען ניט קיין יוניאָן פּראָדוקטען."

און אין דעם סטייטמענט ווערט ווייטער געזאָגט:

„ווידער אַמאָל דאַנקען מיר די אלע ארגאַניזאַציעס פאר דער הילף און סופּאָרט וואָס זיי האָבען אונז נעגעבען ביז יעצט, אין דער הינזיכט, און מיר בעטען זיי דאָס אָנצוהאַלטען אויף ווייטער, ביז די דערמאָנטע פירמע וועט זיין געצוואונגען צו מאַכען שלום מיט אונזער „בייקערי און קאָנפעקשיאָנערי וואָרקערס אינטערנעשאַנאַל אָוו אמעריקא."

א. א. גיירוס,
אינטערנעשאַנאַל טרעזשורער.

מאַקס לעווין לעקטשורט אין די בראָנקס.

מאַקס לעווין וועט פאָרטזעצען זיין קורס איבער דער געשיכטע, ציעלען און פּראָבלעמען פון דער ארבייטער באַוועגונג, מיט ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו דער א. ל. נ. וו. י., דעם זונטאָג, 11 אוהר אין דער פריה, אין די קלאָב רומס פון לאָקאַל 1, — 1581 וואַשינגטאָן עוו., בראָנקס.

נייעס פון יוניאָן העלטה סענטער

דער באָארד אָוו דירעקטאָרס פון דעם יוניאָן העלטה סענטער האָט אָפּגעהאַלטען דאָנערשטאָג, דעם 13טען דעצעמבער, א מיטינג און באַשלאָסען צו מאַכען אלע נויטיגע פאָרבּרייטונגען צו דעם מאַסקען־באַל, וואָס וועט פאָרקומען דעם 29טען מאַרטש אין דער 71טער רעדזשימענט אַרמאָרי. עס איז אויך באַשלאָסען געוואָרען צו אַנגאַזשירען א געוויסע מאַסקען־אונטערהאַלטונג, כדי צו מאַכען די אונטערנעהמונג וואָס ערפאָלגרייכער.

די ברידער וואַנדער, ברעסלאַו און שעהנהאַלץ זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען אלס דזשורנאַל־קאָמיטע. די ברידער ליוויי, פיש און וויינער זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען אלס באַר־קאָמיטע.

דער „יוניאָן העלטה סענטער סטודענטס' קאָונסיל" האָט געהאַט א מיטינג דינסטאָג, דעם 11טען דעצעמבער, וואו עס איז אויסגעקליבען געוואָרען א נייע עקזעקוטיוו קאָמיטע. זיי האָבען אויך באַשלאָסען צו האָבען א „סאָשיאַל" אין יוניאָן העלטה סענטער דעם 28טען דעצעמבער.

דר. יודזשין ל. פיסק, דער דירעקטאָר פון דעם לייף עקסטענשאָן אינסטיטוט, האָט פרייטאָג, דעם 14טען דעצעמבער, גערעדט אין יוניאָן העלטה סענטער פאר א גרויסער צאָהל באַזוכער. ער האָט געהאַלטען אַן אינטערעסאַנטע רעדע וועגען די מעגליכקייטען צו פאַרלענגערען דעם מענשליכען לעבען ביז הונדערט יאָהר און מעהר. ער האָט איבערהויפּט באַטאָנט, אז די פאַרלענגערונג פון לעבען הענגט אָפּ פון די מענשען זעלבסט. זיין לעקטשור איז געווען אילוסטרירט דורך אינטערעסאַנטע און אויפקלעהרענדע „סליידס".

פּראָפעסאָר ס. אַדאָלפוס קנאָפּף וועט פרייטאָג, דעם 21טען דעצעמבער, רעדען איבער „טובערקולאָזיס, די פּראָלעטאַרישע קראַנק". דער לעקטשור וועט זיין אילוסטרירט דורך מואווינג־פּיקטשורס.

אינטערנעשאַנאַל קאַלענדאַר

פון ה. סקילמאַן.

הייַנטיגע וואָך מיט 12 יאָהר צוריק

דער פּרעסער לאָקאַל 68 פון בראָנזוויל וועלכער צעהלט וואָסערע זעקס הונדערט מעמבערס פאַראייניגט זיך מיט דעם פּרעסער לאָקאַל 35 פון ניו יאָרק.

• • •

דער דילענסי סטריט אָפיס פון דער דזשאָינט באָארד קלאָוק מאַכער יוניאָן באַריכטעט, אז אין זייער דיסטריקט האָבען פינף הונדערט און ניין שעפּער איינגעפיהרט עלעקטריק פּאַוער (אין 1910 האָבען זיך די באָסעס פאַרפליכטעט אָפּצושאַפען די פוט פּאַוער מאַשינען).

• • •

די דזשענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס האַלט אָפּ א פערטעל־יעהרליכע זיצונג אין שיקאַגאָ. עס ווערט באַטראַכט די פראַגע ווי אזוי אַוועקצושטעלען אויף א גוטען שטאַנד אלע לאָקאַלס וועלכע געפינען זיך אין די מידעל וועסטערן סטייטס.

• • •

אן איינדרוקספולער מיטינג פון אלע שאָפּ טשערלייט פון לאָקאַל איינס ווערט געהאַלטען אין 62 פּערט סטריט אום צו געפינען וועגען און מיטלען נעגען דעם נייעם צוג פון די בעלי הבתים צו דיסטשאַרדזשען די שאָפּ טשערלייט און סתם אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאָן. די פראַגע ווערט גרינדליך דיסקוטירט און עס ווערט באַשלאָסען געוויסע פּלענער וועלכע ווערען איבערגעגעבען צו דער דזשאָינט באָארד פאר זייער באַטראַכטונג.

איהר זייט נעלאַדען

צו קומען און זעהן אונזערע מאָדערנע פּראַקטישע מעטאָדען פון לערנען דעזיינינג, פּעטערן מייקינג, קאָפּירען פון סאַמפּעלס, דרייפּינג, גריידינג און פעשאָן־סקעטשינג.

עטאַבלירט דרייסיג יאָהר.

די בערקאָוויטש אַקאַדעמי

303 4טע עוו., נ. א. קאָר. 23טע סט.
רום 408

ל. י. בערקאָוויטש
טאַלוואַמאָר ליקאַרו

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

א פראגע וועגען דעם פונקט 4.

ווערטער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט": —

איך האב געלעזען דעם לעצטען רעפארט פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועגען פונקט 4, וועגען דעם, אז די יוניאן וועט ניט זיין פאראנטווארטליך פאר מעהר ווי די סקייל-ווייזדזשעס.

וועלל, פאר די שנעלע ארבעטער זארג איך מיך ניט, ווייל זיי זיינען דאך די, וועלכע, מיט זייער יאגען זיך, האבען געבראכט דעם טרייד צו דעם איצטיגען צושטאנד אז דער שוואכערער ארבעטער קען שוין איצט קיין דזשאב ניט קריגן. אן אפערייטאר איבערהויפט דארף איצט זיין אזוי שנעל ווי דער רייס-פערד „זעף", אז ניט נעמט מען אים ניט צו דער ארבעט. ווייל די שנעלע מאכען איצט פון 10 ביז 12 גארמענטס א טאג אין 8 שטונדען און קלאוקס קאסט איצט בילינער אויפצומאכען ווי אונטער דעם שטיק-סיסטעם.

נאר וואס איך וואלט וועלען וויסען איז, ווי אזוי דיינקט די יוניאן צו העלפען דעם סלאווערען ארבעטער, איהם זאל זיין צוגייענגליך צו קריגען א דזשאב.

ביים איינפירען די וואך סיסטעם האט דאך דאס געהייסען, אז מען גייט מאהן עפעס פאר די סלאווערע ארבייטער, אבער וואס זעהען מיר איצט? מען ווארפט זיך מיט זיי אזוי ווי מיט פארברעכער. און אז דער סקייל וועט זיין דער זעלבער פאר אלע, טא צו וואס זאל דער באס ארויפנעהמען דעם סלאווערען מאן, אז די יוניאן גיט איהם א פריווילעדזש צו האבען דעם שנעלסטען ארבעטער פאר דעם זעלבען פרייז און עס זאל איהם קאסטען בילינגער די ארבייט ווי ביז איצט? מיר שיינט, אז דעם סלאווערען ארבייטער, מעג ער זיין דער בעסטער יוניאן-מאן, וועט אויסקומען צו זוכען ארבייט אין א סקעבנעסט און מיט וויטאג אין הארצען זיצען און ארבייטען פאר א העלפט געלד. עס איז שוין איצט פאראן א סך אזעלכע שעפער, נאר אונטער דעם נייעם סיסטעם, אויב אויסגעפיהרט, וועט דאס נאך זיין פיל מעהר. ווייל לעבען וויל דאך יעדער איינער און אויב אין א יוניאן שאפ וועט מען דעם סלאווערען ניט ארויפנעהמען, וועט ער דאך מוזען געהן ארבייטען אין א סקעב שאפ.

מיט יוניאניסטישען גערוס,
מאקס ליוואי.
לאקאל 1, לעדזשער נומער 9446.

וועגען גרויסע און קליינע שעפער.

(אן ענטפער יאקאב פרענקעל)

די פראגע פון גרויסע און קליינע שעפער איז געשטעלט געווארען פון ברודער יאקאב פרענקעל אין דער „גערעכטיגקייט" פון 30טען נאוועמבער, 1923. די דאזיגע פראגע האט אויך מיך געמאטערט א לענגערע צייט. האב איך וועגען דעם דיסקוטירט מיט יוניאן ברידער אין פערזענליכען געשפרעך. די פראגע האט פאר מיר און אויך פאר טויזענטער אנדערע גאר א באזונדערען אינטערעס.

ווי מען זאל וועגען דער פראגע ניט דענקען, איז זי דאך הארצרייסענד. וויפיעל אומוויסענהייט עס האט זיך ארום דער דאזיגער פראגע ארומגעוועבט.

ברודער פרענקעל מיינט, אז די יוניאן דארף אנווענדען אלעס וואס עס ליגט אין איהר מאכט ארויסצונעמען די אינדוסטריע פון די קאנטראקטארס הענט. דאס הייסט פון דעם קליינעם שאפ.

אט דאס טוען דאך טאקע אונזערע יוניאן פיהרערס. די „ביזנעס אגענטען" באריהמען זיך גאנץ אפט מיט דעם פאקט, אז זיי געלינגט אפצוהאלטען געוויסע מאנופעקטשורערס פון ווערען דזשאבבערס. אבער, אום צו זאגען אייך דעם אמת, איז געפעלט מיר גארניט דער דאזיגער אויפטו.

א געוויסער יוניאן פארטרעטער האט ביי א שאפ מיטינג געזאגט: נאר א דאנק דעם, וואס מיר פארקוקען און מאכען זיך ניט זעהענדיג מיט'ן קליינעם שאפ, קאן מען אויפהאלטען דעם גרויסען שאפ.

אבער דאס איז, לויט מיין מיינונג, א זעהר גרויסער קרבן. פינף און זיבעציג פראצענט ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע ארבייטען ביי קאנטראקטארס, אין קליינע שעפער. און דארטען פארקוקט מען און מען פארזעהט כדי די מאנופעקטשורערס ה. און פ. אדער ביי מ. ה. און וו. א. אין „גארמענט סענטער" זאלען קאנען האלטען זייערע גרויסע שעפער מיט פראטאלבען בעל מלאכות. אז מיר זאלען אפפערן מיט פינף און זיבעציג פראצענט פון אונזערע ארבייטער, כדי די גרויסע בעל הבתים זאלען זיך קאנען איזרעקעיזען מיט די פראטאלבען בעל מלאכות, ווארפען דעם גט אין פנים און סטראשען מיט ווערען דזשאבערס. זאלען זיי ווערען וואס זיי ווילען... זאלען זיי געהן צום טייפעל, די ר. און פ. מיט די מ. ר. און וו. א., מיט זייערע יאגנאנטע גרויסע שעפער, וואס איז מעהר ניט ווי נעמען פון גרויסע שעפער. זאלען זיי ניט סטראשען די גענז, אז זיי ווערען דזשאבערס.

איך קאן פערזענליך איינעגע אזעלכע גרויסע בעלי בתים, וואס האלטען אין איין סטראשען די יוניאן און די ארבייטער מיט אויפגעבען זייערע „גרויסע" שעפער און ווערען דזשאבערס, און פארמאגען ניט מעהר ווי א פאר רויטע אנגעבלאזענע ליפען און א גראבען סיגאר צווישען די פאררויכערטע ציינער.

מיר דארפען קוקען דעם פאקט גלייך אין די אויגען און שלום מאכען מיט איהם. ניטא קיין גרויסע שעפער. קארל מארקס' טעאריע איז נאך ניט פארווירקליכט געווארען; דער קאפיטאל אין דער לאדיס גארמענט אינדוסטריע האט זיך נאך ניט קאנצענטרירט.

וואס מיר דארפען איצט טאן איז זיין גוטע אמת'ע און איבערגעבענע יוניאן לייט. וואו מיר זאלען ניט ארבייטען, אין א גרויסען צי אין א קליינעם שאפ. צי עס ארבייטען פופציג בעל מלאכות, צי עס ארבייטען נאר צעהן; צי מען ארבייט אין „גארמענט סענטער" אויף דער 7טער עוועניו, צי אין ספרינג, קאנעל און גרין סטריט, אדער אין ברוקלין, בראנזוויל, בארא פארק און ניו דזשוירזי.

נאר דער געפיהל פון יוניאן דארף זיין מיט אונז וואו מיר ארבייטען. און נאר אזא געפיהל קאן אויפהאלטען אונזער ביז איצטיגע סטענדארדס און פיהרען אונז צו ווייטערע זיגרייכע קעמפע.

אבער איינשפאנען די יוניאן אין א קאמף פאר גרויסע שעפער איז אן אומזין וואס וועט צו גארניט פיהרען.

א. קארלין,
מעמבער ל. 1, לעדזשער 4350.

וועגען דעם 6טען געבאט אין דער פראגראם

ווערטער רעדאקטאר:

דער 6טער געבאט פון די צעהן איז גוט באקאנט די קליוולענדער קלאוקמאכער. די זיסע האפנונגען, וועלכע די גאראנטיע שטעלט מיט זיך פאר, זיינען שוין ביי אונז לאנג פארשוואונדען און מיר פארשעלטען דעם טאג, ווען די גאראנטיע איז איינגעפיהרט געווארען.

יע, די ווערטער, אז די אינדוסטריע איז אונז שולדיג א לעבענס-וויידזש און אז די גאראנטיע וועט דאס אונז פארזיכערען, זיינען פאר אונז ווי מכשפים, וועלכע זיינען באשאפען געווארען ספעציעל דעם מענשען אפצונארען; אוועקרויבען פון דעם ארבייטער זיין לעצטע האפנונג, אונטערגראבען דעם סאמע ווארצעל פון ארבייטער-איינינקייט, דעמאראליזירען, ארייינבריינגען האס, שנאה, קנאה, באשאפען א בארען פאר אלערליי שרצים, וועלכע זאלען לייכט קענען אונטערגראבען דעם צוטרויען צו די אפיסערס, פארניכטען דאס ביסעלע ענטוזיאזם צווישען די מאסען פאר דער יוניאן, מאכען פון די ארבייטער-ארגאניזאציאנען א טראסט, א מאנאפאל, וואו איין גרופע ארבייטער איז מעהר אדער ווענינגער צופרידען געשטעלט אויף דעם רעכענונג פון אן אנדער גרופע ארבייטער, וועלכע זיינען פאראורטיילט דורך דער גאראנטיע ארומצוגעהן דערשלאגענע אהן א האפנונג צו קריגען ווען עס איז א דזשאב.

און ווען מיר קריגען שוין א דזשאב אין ביזי סיזאן, איז דאס מיט דער באדינג, אז דער מאנופעקטשורער זאל אונז קענען ארויסווארפען פון פעקטארי צו יעדער צייט, ווען זיין באסישע הארץ וועט עס גלוסטען. זאנסט קענען מיר איינגאנצען קיין דזשאב ניט קריגען. די יוניאן איז געצוואונגען צוליב דער גאראנטיע צו ערלויבען ארבייטער צו ארבייטען אין א יוניאן-שאפ אונטער אונמענשליכע באדינגונגען, ווי עס וואלט נאר קיין יוניאן נישט עקזיסטירט, ווייל איך בין אונטער דעם באס' גנאדע, מיין דזשאב איז נישט פראטעקטעט, ער קען מיר ארויסווארפען ווען ער וויל.

אט וועל איך אייך געבען א ביישפיל. איך האב געארבייט אין א שאפ 6 וואכען. איך האב געטרייעט מיין בעסט צופרידען צו שטעלען דעם באס, מיט דער האפנונג, אז פיליכט וועט דער באס מיר לאזען ארבייטען אלס רעגעלען ארבייטער. אבער מיין האפנונג איז געווען אומזיסט. אזוי שנעל ווי עס איז געווארען עטוואס סלאו, האט מען מיר מיט נאך עטליכע ארבייטער געהייסען געהן. איך גיה צו צום באס און פרעג: פיליכט איז ער נישט צופרידען מיט אונזער ארבייט? און ער ענטפערט גאנץ אפגעהערציג, אז ער איז העכסט צופרידען מיט אונזער ארבייט, נאר עס איז איהם אונמעגליך צו האלטען מעהר ארבייטער אונטער דער גאראנטיע.

איך רעד מיט די אפיסערס פון דער יוניאן. אלרייט, עס איז אמת, ער האט מיך ארויפגענומען אלס „טעמפארערי" מאן. איך האב אבער שוין געארבייט 6 וואכען אין דעם פלאץ. קען גאר נישט די יוניאן טאן פאר מיר? די אפיסערס קוועטשען מיט די פלייצעס. דאס איינציגע, וואס זיי קענען מיר ענטפערען, איז ניין.

אט דאס איז דער אגרימענט. דאס איז די גאראנטיע. ספעציעל יעצט האבען די רעפערים גע'פסק'ענט, אז די מאנופעקטשורערס האבען א רעכט אין ביזי סעזאן אנצושטעלען עקסטרא העלפ אויף 4 וואכען צייט, ד. ה. אז די אונמענשליכע באדינגונגען וואס די גאראנטיע האט באשאפען אין קליוולאנד, זיינען יעצט געווארען געזעצליכע בירגער.

איך פרעג אייך, ליבער פריינד יאנאווסקי. איך קען אייך שוין אריבער 20 יאהר אלס א מאן אויף דער וואך. דאס ערשטע מאל וואס איך האב געלעזען „די פרייע ארבייטער שטימע" איז געווען מיט א 20 יאהר צוריק אין לאנדאן, ענגלאנד. איך האב באוואונדערט אייער שארפע פען, אייער אייזערנע לאגיק. און כאטש איהר האט מיר נישט געקענט איבערצייגען אין דער פראקטישקייט פון אנארכיזם, און איך בין פארבליבען מיט מיינע סאציאליסטישע איבערצייגונגען, דאך האב איך געמוזט יעדער וואך לייענען „די פרייע ארבייטער שטימע" צוליב אייער אריגינעלען ארט שרייבען.

און יעצט וואונדערט מיר אויך אייך, אז איהר זאלט זיך לאזען מיטרייסען מיט אונזערע צו גרויסע פראקטיקער, וועלכע האבען זיך די לעצטע יאהרען באוויזען אין אונזער אינטערנעשאנאל מיט אזעלכע פלענער ווי די גאראנטיע. ניין, ליבער פריינד יאנאווסקי, די גאראנטיע איז שעדליך פאר דער גאנצקייט פון אונזער אינטערנעשאנאל. אונזערע פראקטיקער זיינען שוין צו פראקטיש, און אלעס וואס איז צופיל איז אומגעזונד.

איך האף, אז איהר וועט לאזען הערען מיין מיינונג דורך דער „גערעכטיגקייט".

מיט צוטרויען,
א. טאבאל,
עקזעקוטיוו באארד מעמבער פון לאקאל 26, לעדזשער 268.

זעה אונזער ענטפער אין די „שמועסען" אין דעם נומער. — די רעדאקציע.

קלאוק און דרעס דזשאינט באארד נעמט אן די אינטערנעשאנאל רעפארם-פראגראם

(שלוס פון זייט 1)

יארקער קלאוק-אינדוסטריע, וואס זאל אויך ווערען אנגענומען אין יעדען קלאוק- און דרעס-מארקעט אין די פאראייניגטע שטאאטען.

2. די באשרענקונג פון די צאהל פון קאנטראקטארס, צו וועמען די דזשאבערס קענען שיקען זייער ארבייט אין דעם לויף פון סיזאן, דורך א געגענזייטיגער איינפארשטענדיגונג איידער דער סיזאן פאנגט זיך אן.

3. די יוניאן מוז האבען דאס רעכט צו אונטערזוכען אלע ביכער און אלע אנדערע פאקטען, וואס זיינען נויטיג, אום צו זיין זיכער, אויב אירגענד א דזשאבער אדער מאנופעקטשורער פיהרט פינקטליך אוים די פארפליכטונגען, וואס ער האט גענומען אויף זיך, שליסענדיג אן אגרימענט מיט דער יוניאן.

4. עס זאלען אנגענומען ווערען באשטימטע שטראפען, וועלכע זאלען געברויכט ווערען געגען די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס, וועלכע ברעכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן.

5. א בארעכטיגטע (ריזאנייבל) העכערונג פון די איצטיגע וויידזש-סקיילס אין דער קלאוק-אינדוסטריע, און יענע נעהעכערטע סקיילס זאלען ווערען די סטענדערד-וויידזשעס און די איינציגע סקיילס, וועלכע וועלען באשיצט ווערען פון דער יוניאן.

6. די עטאבלירונג פון א גאראנטירטער צייט פון באשעפטיגונג אויף דעמזעלבען אופן, ווי אין קליוולאנד. דאס מיינט, אז יעדער דזשאבער און מאנופעקטשורער דארף גאראנטירען צו זיינע ארבייטער, אין די אינסייד און אויטסייד שעפער, א באשטימטע צאהל וואכען פון ארבייט דורך דאס יאהר. אום צו פארזיכערען דיזע באשטימטע צייט פון ארבייט, וועט א געוויסע סומע, איבער וועלכע מען פארשטענדיגט זיך, און וועלכע שטעלט מיט זיך פאר א געוויסען פראצענט פון דעם פיי-ראל פון יעדען ארבייטס-געבער, איינגעלעגט ווערן פון איהם, אלס פארזיכערונגס-פאנד, און די ארבייטער, וואס קריגען ניט קיין ארבייט פאר א באשטימטער צייט, קריגען באצאלט א געוויסען טייל פון זייערע וויידזשעס פאר דער צייט, וואס זיי געהען ארום ליידיג. דער טייל, וואס דארף זיי געגעבען ווערען, ווערט באשטימט געגענזייטיג אין דער צייט, ווען דער אגרימענט צווישען דער יוניאן און ארבייטס-געבער ווערט געשלאסען.

7. עס זאל איינגעפיהרט ווערען א געמיינשאפטליכער ארבייטסלאזער איינשורענס פאנד, צו וועלכען דזשאבערס און מאנופעקטשורערס זאלען ביישטייערן א געוויסען חלק, און פון וועלכען די ארבייטער, וועלכע זיינען געצוואונגען אהן ארבייט, זאלען קריגען א באשטימטע סומע פער וואך פאר א געוויסע צאהל וואכען דורכ'ן יאהר. די סומע און די צאהל וואכען — דאס וועט שפעטער באשטימט ווערען.

8. עס זאל אויפגעבויט ווערען א לייבאר ביורא, וועלכע זאל רעדזשיסטרירען אלע ארבעטער אין טרייד, צושטעלען ארבייטער צו די ארבייטס-געבער און דינען אלס אן אגענטור פאר די יעניגע ארבייטער, וואס זיינען בארעכטיגט צו ארבייטסלאזיגקייט-אינשורענס.

9. עס זאל איינגעפיהרט ווערען א יוניאן און סאניטארי לייבעל, וועלכער זאל זיין אויף אלע יוניאן-געמאכטע קליידער, וואס וועט געגעבען ווערען נאר צו יענע שעפער, וואס היטען אפ ריכטיגע יוניאן קאנדישאנס. דאס וועט פארזיכערען די באזייטיגונג פון די ניט-יוניאן סוועט-שעפער פון טרייד, און וועט אויך באשיצען דעם קויפער פון קליידער, וואס ווערען געמאכט אין די אומגעזונטע ניט-יוניאן-שעפער.

10. א נייע קלאסיפיצירונג אין דעם פינישינג ברענטש פון טרייד און אן ענדערונג אין די וויידזש-סקיילס וואס עקזיסטירען איצט, אום ארייינצוברענגען מעהר טאלק צווישען די פארשידענע סעקשאנס אין דעם פינישינג ליין.

א שלעכטער מאגען

ברענגט קאפ-שמערצען, אונרייניע בלוט, אפענדיסיטים און פיעלע אנדערע קראנקהייטען.

עקס-לאקס

דער טשאקאלאד אבפיהר-מיטעל

האלט אייער מאגען אין ארדנונג

עקס-לאקס קורירט פערשטאפונג און אין דערזעלבער צייט פערהיט עס אייך פון פיעלע קראנקהייטען, וועלכע קומען פון א שלעכטען און פערשטאפטען מאגען.

עקס-לאקס איז די וויכטיגסטע ערפינדונג פון דיעזען יאהר-הונדערט און ווערט רעקאמענדירט פון פראמינענטע מאגען-ספעציאליסטען.

10, 25 און 50 סענט א באקס. אין אלע דראג סטארס.

וואס מיר ווילען איצט געבען דער דייטשער יוניאן־באוועגונג, ניט לאזענדיג איהר אונטערגעהן, איז באמת ניט מעהר ווי זעלבסט־הילף; העלפענדיג דעם דייטשען ארבייטער אין זיין שרעקליכען קאמף געגען קאפיטאליזם, פאר די אויפהאלטונג פון זיין איינציגער קאמף־וואפע, דער יוניאן, העלפען מיר אינדירעקט זיך זעלבסט. וועה וועט זיין דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא, אין ענגלאנד און וואו ניט, ווען די דייטשע ארבייטער־יוניאן וועט אונטערגעהן. דאס טאר ניט געשעהן און מיר זיינען בכח ניט צו דערלאזען דערצו, ווען מיר זאלען נאר גוט פארשטעהן, ווי לעבענס־וויכטיג עס איז די הילף.

מיט א פאר מאנאטען צוריק האט אונזער אינטערנעשאנאל זיך אפגערופען מיט טויזענד דאלאר אויף דעם הילף־געשריי פון די דייטשע שניידער־יוניאנס. לויט אונזער וויסען, איז אונזער אינטערנעשאנאל געווען די איינציגע פון אלע נאדעל־טרייד־יוניאנס, וואס איז געקומען צו־הילף איהרע ברידער און שוועסטער פון דייטשלאנד. אבער ווארום? שוין־זשע האבען די אנדערע יוניאנס גארניט געהערט פון דער גרויסער נויט פון דער דייטשער שניידער־יוניאן? נאר איצט האנדעלט זיך ניט וועגען דער אדער יענער יוניאן. איצט האנדעלט זיך וועגען דער גאנצער יוניאן־באוועגונג, וועלכע איז ביים שוועל פון אונטערגאנג, און מיט אלע כחות מוז אונזער גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט ניט דערלאזען דערצו.

עס איז אבער ניט בלויז די ארבייטער־באוועגונג אין דייטשלאנד, וואס געפינט זיך אין אזא שרעקליכער לאגע. אין פונקט אזא לאגע געפינט זיך די גאנצע סאציאליסטישע באוועגונג. אויך איהר סטראשעט די געפאהר פון אונטערגאנג. און אלע פארטגעשריטענע מענשען, אלע פרייע מענשען, וועלכע ווייסען, פון וואס פאר א באדייטונג עס איז געווען די סאציאליסטישע באוועגונג פאר דייטשלאנד און פאר דער גאנצער איבעריגער וועלט, מוזען איצט, אין דעם קריטישען מאמענט, אנווענדען אלע זייערע כחות צו העלפען די סאציאליסטישע באוועגונג. ווען מען באדענקט, ווי געבונדען און געקניפט עס איז די ארבייטער־באוועגונג מיט דער סאציאליסטישער באוועגונג אין דייטשלאנד; ווען מען בארעכענט, אז די ביידע באוועגונגען זיינען פאקטיש איין גוף און איין נשמה, איז לייכט איינצוזעהן, אז די הילף בלויז פאר דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג, און אויך ניט פאר דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע, וועט זיין ווירקליך בלויז האלבע ארבייט.

און גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר, כאטש נאר א שטרענגער טרייד־יוניאניסט האט דאס איינגעזעהן. אמת, די א. פ. אוו. ל. האט ארויסגעלאזען איהר אפיל צו דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט בלויז פאר די דייטשע טרייד־יוניאנס, פון דעסטוועגען קען יעדע יוניאן, צושיקענדיג איהר שטיצע, באשטימען וויפיל געלד עס זאל אפגעשיקט ווערען דירעקט צו די דייטשע יוניאנס, און וויפיל פאר די סאציאל־דעמאקראטיע. פאר די דייטשע ארבייטער זיינען ביידע פליגלען פון דער ארבייטער־באוועגונג העכסט לעבענס־וויכטיג. און אזוי ווי ניט אלע אונזערע יוניאנס אין אמעריקא זיינען אזוי ווייט פארטגעשריטען, אום דאס איינצוזעהן, און זיי וועלען וואהרשיינליך נאר העלפען די דייטשע טרייד־יוניאן־באוועגונג, וועט אויף אונזערע יוניאנס פאלען די דאפעלטע פליכט צו העלפען ביידע, דער ארבייטער־באוועגונג, ווי אויך דער סאציאליסטישער באוועגונג.

און דאס טאר ניט אפגעלעגט ווערען אין לאנגען באנק. די נויט איז גרויס. וואס א טאג, ווערט די געפאהר פון גענצליכען צוזאמענברוך פון דער דייטשער ארבייטער־באוועגונג אלץ גרעסער, און עס איז דארום העכסט נויטיג, אז אונזערע יוניאנס זאלען גלייך אנהויבען עפעס טאן וועגען דעם. פאראן פארשיידענע וועגען, ווי דאס צו טאן. די מעמבערס קענען זיך טעקסען מיט א געוויסער סומע אין קעש. אדער זיי קענען באשליסען, דאס א שטונדע אדער מעהר ארבייט זאל באשטימט ווערען פאר דעם צוועק, אדער זיי קענען גלייך באווילינגען א געוויסע סומע פון זייערע טרעזשורים. דאס איז פאר די יוניאנס אליין צו באשטימען. אבער, וואס זיי זאלען ניט באשטימען, מוז עס געטאן ווערען אזוי שנעל ווי מעגליך.

א זעלטען־גוטער בוך פון א זעלטען־גוטען מענשען.

מיר האבען נאר־וואס ערהאלטען מעדעם'ס בוך „פון מיין לעבען", און וואו נאר מיר האבען א מיש געטאן אין די צוויי בענדער, — וואס זיינען אזוי שעהן ארויסגעגעבען, אזוי, דאס מען זעהט, אז

פאר די ארויסגעבער איז עס געווען אן ארבייט פון ליבע און פארעהרונג צום פארפאסער, וואס איז אזוי פריה אוועקגעריסען געווארען פון אונז, — האבען מיר געפונען העכסט־אינטערעסאנטע און העכסט־וויכטיגע פאקטען סיי פון דעם לעבען פון מעדעם אליין, און סיי פון דעם „בונד", און סיי פון דער גאנצער רוסישער סאציאליסטישער באוועגונג ווי אין אויסלאנד, אזוי אין רוסלאנד. עס איז ווירקליך א מערקווירדיגער בוך פון א מערקווירדיגען מענשען. מיר וועלען אזוי שנעל, ווי מיר וועלען דאס בוך איבערלייענען, איבערגעבען פאר אונזערע לעזער אונזערע איינדריקע. דערוויייל אבער קענען מיר זיי שוין ראטען צו פארשאפען זיך מעדעם'ס אויטאביאגראפיע, איינער פון די זעלטענע ביכער, וואס איז ווערט צו האבען.

א גאנץ לאנגער מהלך

פון א. זעלדין.

געגען אלע ערווארטונגען האט די ענגלישע ארבייטער פארטיי געזיגט אין די לעצטע וואהלען און די צייטונגען זיינען פול מיט אלערליי ספעקולאציעס, וואס עס וועט זיין, ווען די ענגלישע ארבייטער פארטיי וועט גערופען ווערען צוזאמענצושטעלען א קאבינעט און איבערנעהמען די רעגירונגס לייצעס אין די הענט.

די ספעקולאציעס זיינען פולשטענדיג בארעכטיגט, ווייל די נייע־געשאפענע לאגע איז ווירקליך א מערקווירדיגע. ערשטענס איז דאס זעהר א זעלטענע זאך אין דער ענגלישער פאליטישער געשיכטע, אז קיין פארטיי זאל ניט געווינען א מאיאריטעט אין א וואהל טאג; און, צווייטענס, וואס איז נאך מעהר מערקווירדיג — קיינער האט ניט ערווארטעט, זיכער ניט אין די רעגירונגס קרייזען, אז די ארבייטער פארטיי זאל ווידער אמאל ארויסקומען אלס די צווייטע פארטיי אין פארלאמענט, די אזוי גערופענע אפיציעלע אפאזיציע.

ווארים, עס דארף באטאנט ווערען, איינער פון די צוועקען פון די פלוצלונגע וואהלען, וואס פרעמיער באלדווין האט ארויפגעצוואונגען אויף'ן לאנד — אויב די וואהלען האבען בכלל געהאט א צוועק — איז געווען צו באזייטיגען די ארבייטער פארטיי אלס די אפיציעלע אפאזיציע. די טאריס, אדער די קאנסערוואטיווע פארטיי, וואס איז געווען די הערשענדע ענגלישע פארטיי ביז די וואהלען, האבען זיך זיכער געפיהלט ניט באקוועם מיט אן ארבייטער אפאזיציע אין פארלאמענט. זיי האבען ניט געקענט טהאן א סך זאכען, וואס זיי וואלטען אפשר געקענט טהאן, ווען זיי וואלטען געהאט א ליבעראלע אפאזיציע. זיי האבען, למשל, ניט געקענט דערקלערען א מלחמה געגען וועמען עס איז — זאל עס זיין פראנקרייך, אדער אן אנדער מדינה — האבענדיג געגען זיך אלס דעם אנפיהרער פון דער אפאזיציע אן אויסגעשפראכענעם פאסיפיסט אין דער פערזאן פון ראמסי מאקדאנאלד. זיי האבען אויך ניט געקענט, למשל, מאכען יד אחת מיט פראנקרייך אין דער עקספלואטאציע פון דער רוהר געגענד, מיט דער ארבייטער פארטיי אין דער לאגע צו פאדערען דין וחשבון. זיי האבען אויך ניט אין אזא לאגע געקענט אפשאפען געוויסע סאציאלע געזעצגעבונגען, ווי א שטיינער אינשורענס פאר ארבייטסלאזיגקייט, סובסידיעס פאר ארבייטסלאזע און אנדערע. אין אנדערע ווערטער — האבענדיג די ארבייטער פארטיי אלס די אפיציעלע אפאזיציע, האבען זיי ניט געקענט דורכפיהרען דאס וואס זייער הארץ האט געגלוסט — צו האלטען דעם ארבייטער אויף זיין ריכטיגען פלאץ פון א שקלאף.

די ליבעראלען זיינען צו זיי א סך נעהנטער. די ליבעראלען, אמת, זיינען אביסעל מעסיגער סאי אין זייער אויסערליכער און סאי אין זייער אינערליכער פאליטיק, אבער דערפאר זיינען זיי גרויסע קינסטלער צו מאכען קאמפראמיסען, און דערצו לאזען זיי זיך גוט אויסנוצען צו פיהרען „טארי" פאליטיק, ווען מען פארשטאפט זיי דאס מויל מיט א הויכען אמט. אלס ביישפיעל קאנען טאקי דינען די הויפט זיילען פון דעם ענגלישען ליבעראליזם, לאיד דזשארדזש, אסקוויט און סער עדווארד גריי. די לעצטע צוויי זיינען געווען די יעניגע וואס האבען געבראכט די מלחמה געגען ענגלאנד'ס שטארקסטען קאנקורענט — דייטשלאנד — און דער לעצטער איז געווען דער הויפט אינסטרומענט צו געווינען די מלחמה און נאכהער דעם פרידען. א דאנק אט די ליבעראלען איז די ענגלישע אימפעריע, זאגט מען, כמעט ווי פא־דאפעלט געווארען און די טאריס זיינען גענוג רעאל־פאליטיקער צו פארשטעהן, אז די הגדה איז ניט אזוי וויכטיג, ווי די קניידלאך.

אמת, גלייך נאך דעם ווי זיי האבען זיך דערפיהלט שטארק גענוג, האבען זיי דעם גרויסען ליבעראל, לאיד דזשארדזש, געבעטען מחילה און אליין איבערגענומען די לייצעס. נאטירליך, ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם, צי זיי זאלען אליין רעגירען, אדער לאזען די ליבעראלען, האבען זיי אויסגעקליבען זיך אליין. ווען עס האט זיך אבער געהאנדעלט וועגען דער אפאזיציע, האט גאר קיין ספק ניט געקענט זיין וועגען זייער אויסוואהל. עס איז געווען אן אפענער סוד אז די טאריס האבען געוואלט די ליבעראלען פאר דער צווייטער פארטיי. זיי האבען פאקטיש דורך דער פרעסע געוואלט העלפען די ליבעראלען דאס צו דערגרייכען. א באווייז — די צייטונגען פון לארד ראטערמיר, וואס איז אליין א טארי, האבען אין א גאנץ היבשער מאס געשטיצט די ליבעראלען.

פון דער צווייטער זייט איז די באציהונג פון די ליבעראלען צו די טאריס גארניט אזוי פיינדליך, ווי דאס זעהט אויס פון אויבען אויף. לאיד דזשארדזש, למשל, אין דעם לעצטען יאהר פון זיין הערשאפט, האט אפען געפעדערט א פאראייניגונג פון די ליבעראלען מיט די טאריס אונטער זיין פיהרערשאפט. ער איז געגאנגען אזוי ווייט, ווי אפען צו ווארנען די טאריס מיט דער אנקומענדער סאציאליסטישער געפאהר אין דער פארם פון דער לייבאר פארטיי, און ער האט ניט איינמאל געגעבען אנצוהערעניש אז די אויפגאבע פון די ליבעראלען איז צו ראטעווען די אימפעריע פון אט דער געפאהר. די טאריס, אמת, האבען צו זיין ווארנונג ניט געוואלט זיך צוהערען דאן, אבער די רעזולטאטען פון די פארלעצטע וואהלען און פון די לעצטע האבען אבער באשטעטיגט זיין נבואה. די ארבייטער פארטיי, די אפאזיציע, האט געקראגען גאנץ גרויסע אמביציעס. אונטער די אומשטענדען איז זעהר לייכט זיך פארצושטעלען אז די פארשטעהער פון די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען האבען ניט איינמאל זיך פריוואט באראטהען וואס צו טאן געגען דער „סאציאליסטישער געפאהר", און עס וואלט געווען גאנץ מענשליך אנצונעמען, אז זיי האבען אויך גאנץ פריוואט זיך דורכגעשמועסט וועגען זייערע פלענער. מען קאן דעריבער דענקען, אז די פאראייניגונג צווישען די צוויי ליבעראלע פליגלען איז באמת פארגעקומען נאך איידער פרעמיער באלדווין האט באשלאסען פארנאנדערצולאזען דעם פארלאמענט, און ניט נאך דעם, ווי עס איז געווען אפיציעל געמעלדעט.

דער פלאן, אלזא, איז געווען קלאר. ערשטענס, א טארי מאיאריטעט אויף דער אישו פון פראטעקציע. צווייטענס, א ליבעראלע אפאזיציע אויף דער אישו פון פרייען האנדעל און, דריטענס, די ארבייטער פארטיי זאל אפגערוקט ווערען אין הינטער־גרונט.

די אומשטענדען זיינען געווען זעהר גינסטיג פאר אט די פלענער. ערשטענס, די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט און די נעדריקטע לאגע פון די אינדוסטריען בכלל. די טאריס האבען געקענט רעכענען אז דער פארשפרעכען פון א „פול דינער פעיל" זאל האבען א שטארקען אפיעל. צווייטענס, די נעדריקטע לאגע פון די ארבייטער גופא. אויף דעם האבען וואהרשיינליך שפעקולירט ביידע פארטייען. זיי האבען געקענט רעכענען, אז די ארבייטער וועלען ניט האבען ניט קיין מוט און ניט קיין מיטלען אנצופיהרען א העפטיגען קאמפיין. דער פאקט איז אפילו, אז אין געוויסע דיסטריקטען האבען די טאריס און ליבעראלען געשטיצט בשתיקה איינע די אנדערע דערמיט וואס זיי האבען ניט ארויסגעשטעלט קיינע געגען קאנדידאטען.

אבער פון די אלע פלענער האט זיך אויסגעלאזט א בוידים. די פאראייניגונג צווישען אסקוויט און לאיד דזשארדזש האט גאנץ ווייניג וואס זיי געהאלפען, און די ארבייטער, פון דער צווייטער זייט, האבען גראד אנגעפיהרט א גאנץ שטארקען קאמפיין כמעט אהן געלד און כמעט אהן א פרעסע. דער רעזולטאט איז שוין גוט באקאנט. די טאריס, אנשטאט א מאיאריטעט, וועלען אין דעם קומענדען פארלאמענט, וואס עפענט זיך דעם אכטען יאנואר, האבען ניט מעהר ווי א פלוראליטעט, און די ארבייטער האבען פארגרעסערט זייער צאהל ביז הונדערט מיט נייינציג אין פארלאמענט. דער רעזולטאט איז געווען א פאלשטענדיגע נידערלאגע סאי פאר די טאריס און סאי פאר די ליבעראלען.

אבער פון דעם צו אן ארבייטער רעגירונג איז נאך א גאנץ ווייטער מהלך, ווי דאס ווייזען גאנץ באשטימט די מאנעווערען פון די טאריס, וואס טוען עס געוויס מיט דער הסכמה פון די ליבעראלען, ווייניגסטענס א טייל פון זיי.

לויט אלע געזעצען פון דער פארלאמענטארישער פראקטיק, האט באלדווין געדארפט גלייך רעזיגנירען. ער האט דאס אבער ניט געטאן. ער איז געבליבען אין מאכט ביז דער פארלאמענט וועט זיך צונויפקלייבען און וועט איהם נידערשטימען. עס איז אבער נאך א פראגע צי דער פארלאמענט וועט איהם נידערשטימען און אויב אפילו יא, וועט זיין אן ארבייטער רעגירונג נאר אויף א ווייל. קיין ארבייטער רעגירונג, וואס זאל קאנען עפעס טהאן וועט העכסט וואהרשיינליך אזוי גיך ניט זיין.

אזא זאך קאן ניט זיין, אפילו ווען דאס וואלט מעגליך געווען דורכצופיהרען מיט פרידליכע פארלאמענטארישע מיטלען, פשוט דערפאר וואס די ארבייטער זיינען דערוויייל ניט מעהר ווי אין א קלענער מאיאריטעט אין פארגלייך מיט די צוויי קאפיטאליסטישע פארטייען. איהר קענט זיך פארלאזען דעריבער אויף די טאריס און די ליבעראלען אז זיי וועלען אזא זאך ניט דערלאזען.

אן ארבייטער רעגירונג וואלט דאך פאקטיש געמיינט א גאנצע איבערקערעניש ניט נאר אין דער אינערליכער פאליטיק, נאר אויך — וואס איז נאך וויכטיגער — אין דער אויסלענדישער פאליטיק. אן ארבייטער רעגירונג פון דעם טיפ וואס מר. מעקדאנאלד פלאנעוועט צו גרינדען, וואלט געמיינט א סוף צו דער רויבערישער פאליטיק פון דעם ענגלישען אימפעריאליזם. עס וואלט געמיינט, אז דער ענגלישער פלאט זאל ניט אויסגענוצט ווערען אין די אינטערעסען פון די ענגלישע באנקירען, ענגלישע שיף־געזעלשאפטען און ענגלישע אפיאום הענדלער, ווי ביז איצט, אדער פאר די ענגלישע אריסטאקראטישע זיהנדלאך וואס זאלען פארנעמען גוט באצאהלטע שטעלעס אלס גאווערנארס און אדמיניסטראטארס. קורץ, אן ארבייטער רעגירונג וואלט געמיינט א רעגירונג אין די אינטערעסען פון גאנצען פאלק און ניט אין די אינטערעסען פון די פריווילעגירטע, און אזא זאך וועלען די פריווילעגירטע קלאסען, וואס קאנטראלירען ביידע פארטייען, געוויס ניט דערלאזען אזוי לאנג ווי זיי וועלען נאר קענען. עס וועט זיין ניט איבערטריבען צו באהויפטען אז עס וואלט געווען די גרעסטע געפאהר פאר דעם ענגלישען אימפעריאליזם צוצולאזען די ארבייטער צו די ארכיוען פון דעם ענגלישען אויסלאנדס־מיניסטעריום. אן ארבייטער אויסלאנד־מיניסטער וואלט געקענט אנטאהן ניט ווייניגער צרות, ווי די באלשעוויקעס האבען אנגעטאן מיט זייערע אויפדעקונגען פון די צארישע ארכיוען.

די לאגע איז שווערער פאר די ליבעראלען. אזוי גיך ווי זיי וועלען העלפען די טאריס, וועלען זיי דערמיט אונטערשרייבען זייער טויט־אורטייל אלס אן אומאפהענגיגע פאליטישע פארטיי. אבער לויט אלע וואהרשיינליכקייטען וועלען זיי, ווייניגסטענס דער קאנסערוואטיווער פליגעל זייערער, ניט באגעהן זעלבסטמארד, איידער צולאזען אזא נבלה, ווי אן ארבייטער רעגירונג.

אן עפענטליכער דאנק.

ווערטהער רעדאקטאר:

ביי א ספעציעלער פערזאמלונג אפגעהאלטען פון די ארבעטער פון דער „עקליפס קלאוק קא.", 50 איסט 9טע סט., דעצ. 1923, ביי וועלכען עס איז פארהאנדעלט געווארען דער באריכט איבער דעם קאלעקטירונג פון די ווידזשעס וואס עס איז אונז געקומען נאכדעם ווי די פירמע האט באנקראטירט, איז באשלאסען געווארען אויסצודריקען אן עפענטליכען דאנק צו ברודער י. סעמועל פערעלמוטער, מענעדזשער פון דאון־טאון אפיס, פאר דער ארט און ווייזע, ווי אזוי ער האט דורך שווערער מיה קאלעקטירט די ווידזשעס פאר אונז.

אלס אנערקענונג פאר זיין אונערמידליכער ארבעט אין אונזער קייס, שיקען מיר איהם אונזער הערצליכען דאנק, ווי אויך א פרעזענט, אלס אויסדרוק פון אונזער אנערקענונג.

ווינשענדיג איהם ערפאלג אין זיין ווייטערדיגער ארבעט פאר די אינטערעסען פון די ארבעטער, פארבלייבען מיר,

מיט טרייד־יוניאן גרוס,

א. זווילינג, שאפ־טשערמאן.
ה. פראקמאן, ל. זלאטניס, ס. סאלאמאן,

די קאמיטע.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. V. No. 51. New York, Friday, December 21, 1923.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דעמאקראטיע אין פראקציע-פאליטיק און דער טאג-ארדנונג אין רוסלאנד.

מיר האבען זיך ניט גענויטיגט אין קינעמ'ס הסכמה בנוגע אונזער שטעלונג צו די זאגענאנטע דינגע אין אונזערע יוניאנס. מיר זיינען פון סאמע אנפאנג, אזוי שנעל, ווי די דאזיגע דינגס האבען געמאכט זייער ערשיינונג, געווען אזוי פעסט איבערצייגט אין זייער שעדליכקייט פאר דער יוניאן, אז קיין מענש, ווי גרויס מיר וואלטען געמיינט זאנסט דענקען פון איהם, וואלט אונז ניט געקאנט איבערצייגען, אז מיר זיינען אונגערעכט. און אין דער אמת'ען, ווי קען א יוניאן, אדער אירגענד וועלכע ארגאניזאציע דולדען, אז א טייל פון איהר זאל זיך בילדען אין א באזונדער קערפערשאפט, אפהאלטען קאקוס-מיטינגען, קומען מיט פארטיגע אנגענומענע באשליסע, און אויף אזא אופן ארגאניזירטערהייד ארויסצוזיינגען ווי אויף דער גאנצער יוניאן? ווער רעדט שוין, אז די דאזיגע פראקציע ווערט געפיהרט פון א גאנץ אויסזיידינער קערפערשאפט, און נעהמט פון איהר אן באפעהלע וואס אויסצופיהרען אין דער יוניאן, איז עס דאך אוודאי ניט קיין אנדער זאך, ווי די קלארסטע דעמאראליזאציע פון דער יוניאן. דערפאר האט אונז פיל אנגעהויבען צו ארען, ווען אונזערע ניו יארקער דעמאגאגען, וואס האבען אויף זיך ארויסגעשלעפט די מאסקע פון קאמוניזם, האבען אונזער שטעלונג געבראנדמארקט אלס א העכסט-רעספאקטישע, אלס א פארשוועכונג פון דער פרייהייט פון דעם יוניאן-מעמבער. מיר זיינען זיך געווען פאלקאם און קלאר באוואוסט, אז מיט אונזער שטעלונג פארהיטען מיר די יוניאן פון דער העכסט-שעדליכער דיקטאטור, וואס וואלט זיך געמוזט אנטוויקלען פון אזא פראקציע-פאליטיק. דארום האט אונז ניט געקימערט די בלאטע, מיט וועלכער אונזערע בלאף-קאמוניסטען האלטען אונז אין איין פארווארפען, און מיר האבען זיך ניט גענויטיגט אין קיינעמ'ס הסכמה. די רעכטפערטיגונג פאר אונזער שטעלונג האבען מיר געפונען אין אונזער אייגענעם געוויסען, אין אונזער קלארען, לאגישען געדאנק.

✤

פונדעסטוועגען מוזען מיר זאגען, אז מיר זיינען געווען העכסט-אנגענעהם איבערראשט צו געפינען די פולסטע הסכמה פאר אונזער שטעלונג אין קיין אנדערען, ווי אין דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי זעלבסט. געראדע די פארטיי, אין וועמעס נאמען די היגע דעמאגאגען באקעמפען אונז, האט אנגענומען אין באצוג צו זייער פארטיי דיזעלבע שטעלונג, און דווקא אויף דעם גרונד פון דעמאקראטיע, וואס מיר. און, בנאמנות, לייענענדיג וועגען דעם אין דער קארעספאנדענץ פון דער „ניו יארק טיימז" פון מר. וואלטער דוראנטי, האט זיך אונז אויסגערוכט, אז ניט אנדערש, ווי קאלינין, קאמעניעוו און אלע רוסישע קאמוניסטען האבען געלייענט די „גערעכטיגקייט" און ווידערהאלט ווארט פאר ווארט אונזערע ארגומענטען אין באצוג צו אונזערע לינס.

✤

מיר וועלען באלד איבערגעבען פאר די לעזער אין קורצען וואס אייגענטליך קומט פאר איצט אין דעם לעבען פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין רוסלאנד. אבער איידער וואס ווען, לאמיר דא גלייך ברענגען די ווערטער פון קאלינין, דעם פרעזידענט פון דער אל-רוסישער פעדעראציע, בנוגע צו דעם ענין:

„פרעאבראזשענסקי פרעגט, וואס מיר פארשטעהען באמת אונטער דעם ווארט פראקציע? איך וועל עס איהם זאגען. פראקציעס זיינען קאקוסעס, וועלכע דיסקוטירען א פראגע, וואס איז באשטימט פאר דער אלגעמיינער דיסקוסיע, צוערשט צווישען זיך, און פאסען זייערע באשלוסען וועגען דעם. דאן, ווען די פראגע קומט פאר פאר דעם אלגעמיינעם מיטינג, קימערען זיי זיך שוין מעהר ניט וועגען דער דיסקוסיאן, נאר זיי האלטען זיך בוי דעם, וואס זיי האבען באשטימט אויף זייער קאקוס מיטינג. דאס איז שוין ניט מעהר א פרייע, דעמאקראטישע דיסקוסיאן, נאר בלויז די אונטערשטיצונג פון דעם פראגראם, וואס איז אנגענומען געווארען אויפ'ן קאקוס מיטינג. איז עס דאס וואס איהר ווילט? (געשריען פון אלע זייטען: ניין! ניין!) דאן זאגט עס צו כאפ-אנאף און פרעאבראזשענסקי."

און דאן האט דער מיטינג, — טיילט מיט דער קארעספאנדענט, — וועלכער איז באשטאנען פון די סאמע וויכטיגע לאקאלע קאמוניסטישע גרופען אין מאסקווע, אנגענומען א רעזאלוציע, וואס האט אונטערשטיצט קאמעניעוו'ן געגען זיינע געגנער.

✤

אונז דוכט זיך, אז פון די עטליכע ווערטער פון קאלינין, וואס מיר האבען דא איבערגעגעבען און פון דעם, וואס דער גאנצער מיטינג האט אנגענומען א רעזאלוציע אין דעמזעלבען זין, איז קלאר, אז די ארבייט פון די היגע כלומרשט'דיגע קאמוניסטען איז פונקט ענטגעגענגעזעצט צו די פרינציפען פון דער פארטיי, אין וועמעס נאמען אונזערע היגע חברה-לייט האבען זיך איינגעוויקעלט. עס איז קלאר, אז דאס, וואס די קאמוניסטען אין רוסלאנד באטראכטען פאר העכסט-געפעהרליך, פאר העכסט-אונדעמאקראטיש פאר זייער פארטיי, קען דאך ניט ווערען גוט און רעכט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אונזערע יוניאנס. עס איז קלאר, אז די קאמוניסטען אין רוסלאנד באטראכטען די פארשידענע פראקציעס מיט זייערע קאקוס-מיטינגען אויסער דעם אלגעמיינעם מיטינג פאר העכסט-געפערליך פאר דער קאמוניסטישער פארטיי. און אויב דאס איז געפעהרליך פאר דער קאמוניסטישער פארטיי, וואו עס הערשט באמת אזא אייזערנע דיסציפלין, און וועלכע איז אין דערזעלבער צייט אליין די מלוכה, טו ווי מוזען אזעלכע פראקציעס מיט אזעלכע קאקוס-מיטינגען זיין געפעהרליך פאר אונזערע יוניאנס, וואו די דיסציפלין איז זעהר א שוואכע, און וועמעס מאכט איז אין דער אמת'ען א זעהר, זעהר באשרענקטע? מיר האבען, אלזא, געהאט טויזענד מאל רעכט מיט אונזער שטעלונג צו די דאזיגע פראקציעס מיט זייערע מיטינגען אויסער דער יוניאן, ווען מיר האבען ערקלערט, אז זייער האנדלונג מוז פיהרען צו דעם, אז די יוניאן זאל אין גאנצען צושמעטערט ווערען.

✤

און איצט, אז מיר האבען געמאכט קלאר פאר אונזערע לעזער, אז אונזער שטעלונג האט געפונען איהר פאלשטענדיגע באשטעטיגונג אפילו אין דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי, וועלכע איז פאר די אנהענגער פון דער ט. י. ע. ל. געוויס די העכסטע אויטאריטעט, וועלען מיר אין א פאר ווערטער דערצעהלען אונזערע לעזער וועגען וואס האנדעלט זיך עס אייגענטליך אין רוסלאנד גופא. „דער באלשעוויזם האלט זיך אליין איצט אין משפט'ן", זאגט דער קארעספאנדענט דוראנטי. און דער דאזיגער אויסדרוק איז באמת א זעהר טרעפענדער פאר דער איצטיגער שטימונג צווישען די קאמוניסטען אין רוסלאנד. ווי באקאנט, האבען די רוסישע באלשעוויקעס פאר א צייט פרובירט ארויפצוצווינגען אויף רוסלאנד דעם קאמוניזם. די דאזיגע צוואנג-מעטאדע האט זיך ארויסגעוויזען אלס א שרעקליכער דורכפאל, און ווען לענין האט דערזעהן און דערפיהלט, אז רוסלאנד ווערט דורך דעם דאזיגען קאמוניזם געבראכט צום ברעג פון אפגרונד; ווען פון אלע זייטען האבען די רוסישע פויערים אנגעהויבען רעוואלטירען, איז איינגעפיהרט געווארען דער „נעפ", די זאגענאנטע נייע עקאנאמישע פאליטיק, וואס איז אין דער אמת'ען געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א שוואכער צוריקקעהר צום קאפיטאליזם. אבער דער „נעפ" האט ניט געבראכט מיט זיך די פארהאפטע רפואה פאר רוסלאנד. ווייל דער קאפיטאליזם קען ניט גערייהען אונטער א רעגירונג, וואס גיט ניט כאטש א געוויסע מאס פון פרייהייט, נו, אז איהר ווילט, פון בורזשואזער פרייהייט. די ארבייטער, דאס גלייכען, האבען ניט געקאנט אנטוויקלען זייערע כוחות צום קאמף, ווערענדיג באוואכט פון דער רעגירונג, אזוי ווי זיי וואלטען געווען קליינע קינדער. דאסזעלבע די פויערים. און דער פועל יוצא פון דאס אלעס איז, דאס רוסלאנד שטעהט איצט פאר א מורא'דיגען קריזיס.

✤

אט דאס האט עס געבראכט דערצו, אז די קאמוניסטען אין רוסלאנד, וואס זיינען ביים רודער, האבען אנגעהויבען צו טראכטען וועגען די סיבות, וואס לאזען ניט רוסלאנד קומען צו זיך. און אלס איינע פון די הויפט-סיבות האבען זיי אויסגעפונען איז טאקע דאס, וואס דאס רוסישע פאלק ווערט צופיל דיסציפלינירט פון דעם צענטער פון דער הערשענדער פארטיי. אלע זיינען דארום איצט איינפארשטאנען, אז די קאמוניסטישע פארטיי מוז „ד ע מ א ק ר א ט י ז י ר ט" ווערען. דאס אליין איז שוין פאר רוסלאנד א גרויסער פראגרעס. פריהער איז דאס ווארט דעמאקראטיע געווען, ווי עס איז אלגעמיין באקאנט, א שפאט-ווארט אין רוסלאנד. דיקטאטור איז געווען דאס גרויסע געהייליגטע ווארט. איצט קומען שוין אונזערע קאמוניסטען צו דעם געדאנק, אז די גאנצע קאמוניסטישע פארטיי דארף ד ע מ א ק ר א ט י ז י ר ט ווערען.

✤

איז אין דעם זיינען שוין אלע איינפארשטאנען. נאר איצט הויבט זיך אן די גרויסע פראגע: אין וואס זאל באשטעהן די דעמאקראטיזירונג, און ווי ווייט די דעמאקראטיזירונג זאל געהן? און דא זיינען די מיינונגען פון די קאמוניסטען שטארק צוטיילט. סטאלין, איינער פון די סאמע פראמינענטען צווישען די קאמוניסטען אין רוסלאנד, און דער שטענדיגער סעקרעטער פון דער פאליטביורא, וועלכער איז עס די סאמע הארץ פון דער צענטראלער עקזעקוטיוו קאמיטע, וואס הערשט איבער רוסלאנד, האט ערקלעהרט, אז דעמאקראטיזאציע מיינט אן אומבייט פון דער מיליטערישער סיסטעם פון שטרענגער געהארכזאמקייט צו די באפעהלע פון א קליינער קערפערשאפט, וואס האט די אבסאלוטע מאכט, אויף א סיסטעם, וואו עס זאל הערשען א ביסעל מעהר פרייהייט, מעהר אומאפהענגיגקייט, און וואו די פארשיידענע איינצעלנע קערפערשאפטען זאלען האבען מעהר זעלבסט-רעגירונג. זיינען אבער דא אנדערע, וועלכע באנוגענען זיך ניט מיט אזא אונקלארער פארטייטשונג פון דעמאקראטיע. וואס זיי ווילען, איז ווירקליך מאכען א סוף צו דער דיקטאטור. זיי ווילען, אז די לאקאלע קערפערשאפטען זאלען טאקע האבען דאס רעכט אליין אויסצוועהלען זייערע סעקרעטערע פון זייער אייגענער מיטע, און ניט מוזען אננעהמען די „רעקאמענדאציעס" פון צענטער. זיי ווילען אמת'ע, עכטע דעמאקראטיע, און די פאלשטענדיגע אפשאפונג פון דער עקזיסטירענדער דיקטאטור.

✤

עס איז איבעריג פאר אונז צו זאגען, אז מיר זיינען דווקא איינפארשטאנען מיט די קאמוניסטען, וועלכע געהען אזוי ווייט, ווי מעגליך, אין זייער דעמאקראטיזירונג סיי פון זייער פארטיי און סיי פון גאנץ רוסלאנד. מיר זיינען איבערצייגט, אז ביז עס וועט ניט ווירקליך איינגעפיהרט ווערען אין רוסלאנד אמת'ע דעמאקראטיע, ביז עס וועט ניט אראפגענומען ווערען פון רוסלאנד די שווערע האנד פון דער קאמוניסטישער דיקטאטור, קען גאר קיין רעדע ניט זיין פון ווירקליכען פראגרעס אין רוסלאנד. און מיר זיינען זיכער, אז עס געהט דערצו. אלס דער בעסטער באווייז אבער פאר דעם דיענט אונז דער פאקט, דאס די רוסישע קאמוניסטען פארשטעהען, אז דעמאקראטיע מיינט בשום אופן ניט די הערשאפט פון פראקציעס דורך זייערע קאקוס-מיטינגען, נאר דורך די אלגעמיינע פרייע דיסקוסיאן און דורך באשליסע אנגענומען פון אלע אויף דעם אלגעמיינעם פרייען מיטינג; דאס איז ווירקליך די דעמאקראטיע, וועלכע איז געריינינט פון די פסולת, וואס האט זיך אנגעמשעפעט אויף דער דעמאקראטיע דורך די פארשיידענע קארופטע פאליטישענס, וועלכע האבען זיך באנוצט מיט דעם נאמען פון דעמאקראטיע פאר זייערע נידעריגע צוועקען, און וועלכע האבען דערמיט געבראכט שמאך און שאנדע אויף דעם ווארט און דעם געדאנק פון דעמאקראטיע. נאר פון דעסטוועגען, ווען די דעמאקראטיזירונג פון רוסלאנד וואלט אפגעהאנגען בלויז פון דעם גוטען ווילען פון די קאמוניסטען אליין, וואלטען מיר נאך געמענט צווייפלען. דער פאקט איז, אז עס איז א זעהר שווערע הלכה פאר מענשען, וועלכע האבען זיך אזוי איינגעלעבט מיט דער אידעע פון דיקטאטור און אזוי גוט זיך געפיהלט דורך דער מאכט, וואס זיי האבען געהאט, דאס אלעס אזוי לייכט אויפצוגעבען. עס איז אבער א פאקט, אז די עקאנאמישע צושטענדע אין רוסלאנד טרייבען דערצו. זיי זיינען שטארקער, ווי דער שטארקסטער ווילען און חשק צו מאכט פון דעם הייפעלע רוסישע באלשעוויקעס. פריהער אדער שפעטער, וועלען זיי זיין געצוואונגען צו געבען רוסלאנד די פרייהייט, די דעמאקראטיע, וועלכע זיינען אזוי נויטיג פאר דאס לעבען, דאס געדייהען און דאס פראגרעסירען פון דעם גרויסען רוסישען פאלק.

דער חילוק-געשריי פון דער דייטשער ארבייטער-באוועגונג.

די שרעקליכע לאגע, אין וועלכער עס געפינט זיך איצט די דייטשע ארבייטער-יוניאן, דארף זיין פאר אונזערע לעזער גאנץ קלאר סיי דורך די קארעספאנדענצען פון אונזער בערלינער קארעספאנדענט, הערר חאזאנאוויטש, סיי דורך דעם אויסגעצייכענטען ארטיקעל פון דר. ה. פראנק, וואס מיר האבען פארעפענטליכט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט". נאר, ווען איינער האט אפילו ניט געלייענט די אלע קארעספאנדענצען און ארטיקלען אין אונזער צייטונג, ווי אויך אין פילע אנדערע צייטונגען און זשורנאלען, קען ער אבער גאנץ לייכט פארשטעהן, אז די לאגע פון דער דייטשער ארבייטער-יוניאן מוז זיין אזא, אז ערגער קען שוין גארניט זיין. ערשטענס, מוז מען האבען אין זינען, אז פון דאס גאנצע געלד, וואס די יוניאנס האבען געהאט אין זייערע קאסען, איז דורך דאס שרעקליכע פאלען פון דעם מארק געווארען גארניט מיט גארניט. ווען דער דייטשער קאפיטאליזם וואלט אבזיכטליך געפלאנט צו רואינירען די יוניאנס, וואלט ער ווירקליך ניט געקענט געפינען קיין בעסערען מיטעל, ווי אט דאס ארונטערברענגען פון דעם ווערט פון מארק צו כמעט גארניט. נאר אהן שום גוזמא קען מען זאגען, אז אויף דעם וועג האט דער קאפיטאליזם קאנפיסקירט אלעס, וואס די גרויסע מעכטיגע ארבייטער-באוועגונג האט פארמאגט, און געלאזען איהר, זא-צו-זאגען, אהן א העמד. צווייטענס, קען יעדער ארבייטער פארשטעהן, אז ווען דעם ארבייטער'ס פארדינסטען זיינען אזעלכע, וואס סטאיען קוים-קוים אויף א טרוקען שטיקעל ברויט, און אפט נאך אויף אזוי וועניג אויך ניט, קען גאר קיין קלעהר ניט זיין פון צאהלען דיוס צו דער יוניאן. און צאהלט ער שוין אמאל יא עפעס, איז ביז דאס איינגעצאהלטע געלד קומט אן צום טרעזשורער, ווערט דאס געלד אזוי איינגעשרומפט, אז עס איז דאס זעלבע, ווי ער וואלט גארניט איינגעצאהלט. דער רעזולטאט איז, דאס אלע באאמטע אין דער יוניאן מוזען אליין פשוט הונגערען. און ווען מען איז הונגעריג, קען מען ניט ליגען אין זינען אויפצוהאלטען די יוניאן.

✤

דער פועל יוצא פון דעם איז, אז די דייטשע ארבייטער יוניאן, די שטארקסטע אין דער וועלט, וועלכע האט אריינגענומען ביז צעהן-עלף מיליאן ארבייטער, איז זעהר, זעהר נאהענט צום אונטערגאנג. ווען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון דער גאנצער וועלט, און איבערהויפט פון אמעריקא, וועלכע איז מעהר, ווי יעדע אנדערע אין שטאנד צו העלפען, וועט בלייבען גלייכגילטיג צו דעם שוידערליכען צושטאנד פון דער דייטשער געווערקשאפטליכער באוועגונג, איז עס גאר קיין פראגע ניט, אז נאך אין א קורצער צייט וועט ניט בלייבען קיין זכר פון דער דאזיגער מעכטיגער ארבייטערשאפט, וועלכע איז געווען דער שטאלץ פון דער וועלט.

✤

עס כאפט פשוט אן א שוידער, ווען מען טראכט נאר פון דער מעגליכקייט פון אזא אונגליק. אלעס דאס, וואס דורות פון אנגעשטרענגטער ארגאניזאציאנס-ארבייט און וואונדערבארע קעמפע האבען אויפגעטאן פאר די דייטשע ארבייטערשאפט, וועט מיט איינמאל ווערען פארניכטעט. דער דייטשער ארבייטער וועט ווידער געבראכט ווערען צו דער שרעקליכסטער שקלאפעריי. שוין איצט איז דער אכט-שטונדיגער טאג כמעט ווי אפגעמעקט אין דייטשלאנד, אין פילע, פילע פעקטארים ארבייטען די ארבייטער 10 שטונדען, כאטש דער 8-שטונדיגער ארבייטס-טאג איז א געבאט פון געזעץ. אבער אפילו ביי דעם וועט עס ניט בלייבען. באלד, באלד, און די דייטשע ארבייטער וועלען זיין אזוי הילפלאז, אז זיי וועלען זיין געצוואונגען אנצונעהמען אירגענד וועלכע באדינגונגען, אבי נאר דאס לעבען צו דערהאלטען.

✤

קען די ארבייטערשאפט פון דער וועלט, און באזונדערס פון אמעריקא, בלייבען גלייכגילטיג צו אזא אונגליק? אפילו, ווען דער אונגליק וואלט געקענט געהאלטען ווערען אין די גרענעצען פון דייטשלאנד, וואלט אויך געווען די הייליגע פליכט פון די ארבייטער דאס ניט צו דערלאזען. אבער עס איז זיכער, אז דער צוזאמענברוך פון דער דייטשער יוניאן-באוועגונג וועט פריהער אדער שפעטער זיך אפרופען אויף דער יוניאן-באוועגונג אין דער גאנצער איבעריגער וועלט. ווען די דייטשע ארבייטער וועלען זיין געצוואונגען, ווי אין די אמאליגע פינסטערע צייטען, צו פראצעווען 10—12 שטונדען טעגליך פאר'ן שטיקעל ברויט, קען עס און עס וועט ניט בלייבען אהן שרעקליכע פאלגען פאר דעם שיקזאל פון די ארבייטער אין דער גאנצער איבעריגער וועלט. מיר זיינען דארום פעסט איבערצייגט, אז די הילף,

ביזנעס. דער אפיס פון דער יוניאן האט דאן געהייסען די ארבייטער פון דעם שאפ איבערלאזען אין אפיס זייערע נעמען און אדרעסען, דאס אין פאל די פירמע וועט ווידער עפענען א שאפ, וועט די יוניאן זעהן, זיי זאלען דארט ווידער ארבייטען. האבען אלע ארבייטער, א חוץ איין פינישערין, אזוי געטאן, און ווען מען האט ווידער געעפענט דעם שאפ, האט די יוניאן זיי געלאזען וויסען און זיי האבען זיך צוריק געזעצט ארבייטען. אבער ערשט מיט א זעקס וואכען שפעטער, ווען די ארבייט אין דעם שאפ איז שוין געווען אין פולען גאנג, האט זיך אפגעזוכט די פינישערין וואס האט ניט געלאזען איהר אדרעס אין אפיס און זי האט פארלאנגט, אז מען זאל איהר רעאינסטייטען. אבער אזוי ווי זי איז ארויסגעפאלען פון דעם שאפ צוליב איהר אייגענער שולד, האט זי ניט געקענט רעאינסטייטעט ווערען.

נאך אין א פאר פאלען האט זיך ארויסגעוויזען, אז די ארבייטער וואס האבען אריינגעבראכט קלאגען, אז זיי זיינען „אנטזאגט געווארען פון דער ארבייט“, האבען גאר אליין פארלאזען די פלעצער. זיי האבען נאכדעם געוואלט צוריק קומען ארבייטען, אבער אונטער אזעלכע אומשטענדען ווענדט זיך עס שוין פון דעם גוטען ווילען פון באלעבאס, וויל ער, נעהמט ער דעם ארבייטער צוריק, און אויב ניט, קאן איהם די יוניאן ניט צווינגען דאס צו טאן.

און איצט לאמיר זעהען ווי אזוי דער אפיס פייט צו רעאינסטייטען די ארבייטער, וועלכע ווערען טאקע אפגעזאגט פון דער ארבייט, ווען עס איז פאר דעם קיין גרונט ניטא.

די פירמע טייטמאן בראדערס האט אפגעזאגט א פינישער אויפ'ן גרונט, דאס ער איז אוועק ארבייטען אויף א צווייטען פלאץ. א גענויע אונטערזוכונג האט אבער באוויזען דאס דער פינישער האט עס געטאן פאר א קורצער צייט, ווען אין דעם שאפ איז גאר קיין ארבייט ניט געווען און ווי נאר עס האט זיך באוויזען ארבייט אין דעם שאפ, איז דער ארבייטער צוריקגעקומען. דער שאפ איז דעריבער ערקלערט געווארען אין סטרייק און נאך איין טאג סטרייקען האט די פירמע איינגעוויליגט צו רעאינסטייטען דעם פינישער.

און אט איז א צווייטער פאל:

די פירמע וועקסלער און גוטענטאג האט אפגעזאגט אן עקזאמינער אויף דעם גרונט, אז ער איז פאר דריי וואכען צייט אין שאפ ניט געקומען. ביי דער אונטערזוכונג פון דער קייס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער ארבייטער איז אין דער צייט קראנק געווען, און פאלגליך האט די יוניאן פארלאנגט, ער זאל צוריק אנגעשטעלט ווערען צו דער ארבייט. די פירמע האט עס אבער ניט געוואלט טאן און דער שאפ איז ערקלערט געווארען אין סטרייק. אויך דער סטרייק האט געדויערט בלויז איין טאג און די פירמע האט דעם ארבייטער ווידער געגעבען ארבייט.

און אזעלכע פאלען זיינען געווען נאך אייניגע. פון דעם קאן מען זעהן, ווי געטריי און איבערגעגעבען די יוניאן טוט איהר ארבייט צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער, און אז די גרויסע צאהלען רעאינסטייטמענטס וואס ווערען געמאכט קומט דער יוניאן ניט אזוי לייכט אן ווי מאנכע קאן זיך דוכטען.

*

ווי דער שטייגער איז, פעלט אויך ניט אין דעם רעפארט פון ברודער פערלמוטער די „אייטעמס“ פון ווידזש-קאלעקשאנס, און ער האט אנגעוויזען אויף א גאנץ באדייטענדער סומע. דאס ווערט איינגעטיילט אין צוויי „אייטעמס“, ווי פאלגט:

פאר ווידזשעס איז קאלעקטעט געווארען — $6,075.72.

פאר בעק-פעי, דאס הייסט פאר ניט דערצאהלטע ווידזשעס — $1,117.46.

ריידענדיג וועגען געלט-סומען, וועט שוין אויך ניט שאדען צו דערמאנען, דאס אין דעם רעפארט זיינען דא נאך צוויי געלט-אייטעמס, ווי א שטייגער: עס איז אויפגעמאנט געווארען 332.50 דאלאר פון עלף פירמען, אלס שטראף, וואס זיי האבען געטאן זאכען וואס זיי טארען ניט טאן לויט דעם אגרימענט אין טרייד. די שטראפען זיינען פון 12 ביז 75 דאלאר.

און עס איז דא נאך געלט. דורך דער צייט פון דעם רעפארט האט דער אפיס געסעטעלט מיט 12 נייע פירמען וואס האבען געעפענט שעפער אין דעם דיסטריקט, און דער אפיס האט פון זיי באקומען סעקיוריטי, אז זיי וועלען אפהיטען דעם אגרימענט וואס זיי האבען אונטערגעשריבען מיט דער יוניאן. די סומע באטרעפט 2,050.00 דאלאר.

אלזא, אין וועלכען רעפארט פון די יוניאן-אפיסעס פון דזשאינט באארד מען זאל ניט אריינקוקען, זעהט מען דארט, ווי עס שוויבעלט און גריבעלט מיט לעבען און טעטיגקייט אין די אינטערעסען פון דער יוניאן, און פון די מיטגלידער.

גאמפערס און די אימיגראציאנס-פראגע

(איינער פון זיינע ארטיקלען אין די זונטאג נומערן „וואָרלד“)

פון ה. לאנג.

די געפיטשורטע ארטיקלען פון סעמועל גאמפערס אין די זונטאג-נומערן „וואָרלד“, איבער וועלכע מיר האבען שוין געשריבען אין פאר-לעצטען נומער „גערעכטיגקייט“, האבען ארויסגערופען א דיסקוסיאן אין פיעלע געבילדעטע קרייזען. געזעלשאפטליכע קלאבס און סטודענטען-פאראיינען נעהמען זיי פאר איינלייטונגען צו דעבאטירען. דער פערטער ארטיקעל, גאמפערס'עס, וואס באהאנדעלט די אימיגראציאנס-פראגע, איז פארגעלעזען געווארען אין א סטודענטען-פאראיין אין קאנעקטיקוט, און סאי די אנהענגער פון א מעהר פרייהייטליכען בליק אויף אימיגראציאן און סאי די געגנער האבען אין דעם ארטיקעל געפונען אן אנשפאר פאר זייערע מיינונגען. אזוי ווי אימיגראציאן איז איצט אן אישו אין לאנד, און אזוי ווי אונז אידען און אנדערע אימיגראנטען אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז די פראגע שטארק נוגע, וועלען מיר קודם כל דיזען ארטיקעל, גאמפער'עס, באטראכטען.

גאמפערס און אימיגראציאן — דאכט זיך קיין נייעס קאן שוין וועגען דעם ניט געזאגט ווערען. דער שטאנדפונקט פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אף לייבאר איז באקאנט, און דער שטאנדפונקט פון דער א. פ. אף ל. איז גאמפערס'עס שטאנדפונקט. ווי קומט עס אבער, וואס אנהענגער פון א פרייהייטליכע באציהונג צו דעם אימיגראציאנס-פראבלעם זאלען געפינען אן אנשפאר אין גאמפערס'עס ארטיקעל?

איז דער תירוץ, אז עפעס נייעס האט גאמפערס יע געזאגט אין דער פראגע — נייעס, וואס פון די אימיגריישאן רעזאלוציעס און דעקלאראציעס פון דער א. פ. אף ל. האט מען עס ניט געקענט ארויסדרינגען.

גאמפערס שרייבט אויסדריקליך:

„די ארבייטער באוועגונג איז ניט געגען יעדער סארט אימיגראציאן“.

אזוי הויבט זיך אן דער 25-טער פאראגראף אין דעם ארטיקעל. גאמפערס נעהט גלייך איבער צו וואס פאר א סארט אימיגראציאן די ארבייטער באוועגונג שטעלט זיך ניט געגען. ער נעהמט אלס א ביישפיעל אימיגראציאן, וואס איז א רעזולטאט פון פאליטישער אונטערדריקונג און רעליגיעזער פארפאלגונג. אבער טאקע נאר אלס א ביישפיעל. עס הייסט, אלזא, אז אימיגראציאן, וואס איז ניט דוקא א רעזולטאט פון פאליטישער אונטערדריקונג און רעליגיעזער פארפאלגונג, איז אויך ניט די ארבייטער באוועגונג דורכאויס דאגעגען. מיר האבען שוין אנגעוויזען, אז גאמפערס קאן זיך קיינמאל ניט שיידען פון זיין אפיציעלער פאזיציע אין דער געזעלשאפט אלס פרעזידענט פון דער א. פ. אף ל. און אפילו גאמפערס דער פובליציסט קלייבט שטארק איבער ווערטער און קאנטראלירט זיינע געדאנקען. דיזע שטעלע אין זיין ארטיקעל, די שטעלע, וואו ער רעדט וועגען דער סארט אימיגראציאן, וועלכע די ארבייטער באוועגונג באקעמפט ניט, איז דערפאר ניט אויסגעברייטעט געווארן. אנהענגער פון פרייע אימיגראציאן און ספעציעל טאקי מיר אימיגראנטען, וואלטען געוואונשען צו זעהן גאמפערס'ען מעהר און ברייטער ארויסגעזאגט איבער דעם. אבער שוין דיזע שטעלע אליין בארעכטיגט די, וועלכע האבען א ליבעראלען בליק איבער אימיגראציאן, צו נעמען גאמפערס'ען פאר זייערען א פריינד.

די איינציגע טענה, וואס די אנהענגער פון א ליבעראלער אימיגראציאן קאנען האבען צו גאמפערס'ען איז — פארוואס ער ווירקט ניט, אז דאסזעלבע זאל אויך געזאגט ווערען אין די אפיציעלע ארויסטרעטונגען פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אף לייבאר. ווען אפיציעלע קאמיטעס פון דער א. פ. אף ל. טרעטען אויף פאר „פאבליק-היירינגס“ אין קאנגרעס, אדער אין דער פרעסע, באקומט זיך דער איינדרוק, אז די א. פ. אף ל. נעהט האנט אין האנט מיט די ערגסטע אימיגראנטען-פרעסער, — אן איינדרוק, וואס גאמפערס אליין וויל ניט, אז עס זאל זיין, און געפינט זיך באליידיגט, און האט א רעכט זיך צו פיהלען באליידיגט, ווען דער איינדרוק איז דא.

וואס איז אבער דער גאנצער געדאנק אין גאמפערס'עס ארטיקעל?

אין קורצען איבערגעגעבען, איז דער געדאנק ווי פאלגט:

עס איז א זיכערע זאך, אז די פאראייניגטע שטאאטען וועט זיך שוין קיינמאל ניט אומקערען צו זיין אן אבסאלוט-פרייער צופלוס-צענטער פון אימיגראנטען. עס איז געווען אזא צייט אין דער ענטוויקלונגס-געשיכטע פון אמעריקא, וואס האט געפאדערט, אז די פאראייניגטע שטאאטען זאל זיין אן אבסאלוט-פרייער צענטער פאר אימיגראנטען פון דער אלטער וועלט; און עס איז געווען אזא צייט אין דער געשיכטע פון'ם פאלקס-לעבען אין פארשיידענע לענדער, ווען א שטראם פון וואנדערער נאך אמעריקא, האט אויסגעקוקט אייביג-אונאויפהערליך. און דיזע צייט וועט זיך שוין מעהר ניט אומקערען. געוויס קאן נאך אמעריקא אריינעמען מאסען אימיגראנטען, און געוויס איז נאך דא א גרויסער חשק ביי די פאלקס מאסען אין פארשיידענע לענדער צו וואנדערען קיין אמעריקא, אבער האלטען די טויערען פון אמעריקא ברייט אפען, און מיט קיין זאך ניט שטערען דעם אימיגראציאנס-שטראם — דאס קאן ניט אמעריקא.

און דערפאר, שרייבט גאמפערס, איז די אישו ניט פרייע אימיגראציאן, אדער גארניט קיין אימיגראציאן, נאר פרייע אימיגראציאן, אדער באשרענקטע אימיגראציאן. און וויפיל באשרענקט. און אויף וואס פאר אן אופן באשרענקט.

גאמפערס איז מיט דער מיינונג, אז די איצטיגע „קוואטא“ דארף אויפגעהאלטען ווערען, נאר עס דארף זיין א בעסערע אראנדזשמענט אין דער דורכפיהרונג פון'ם קוואטא-געזעץ. ער שלאגט פאר, אז איידער אימיגראנטען קומען אהער, זאלען זיי קענען וויסען, צי מ'וועט זיי אריינלאזען אדער ניט. עס דארף איינגעשטעלט ווערען א מאשינעריע, פון די אמעריקאנער קאנסעלס און פארטרעטער פון די רעגירונגען אין אויסלאנד, צו באשטימען אין יעדען פארט באזונדער, וויפיל אימיגראנטען און וועלכע אימיגראנטען אמעריקא וועט קאנען אויפנעמען. אויף אזא אופן וועט פארמידען ווערען די טראגעדיע פון אימיגראנטען, וועלכע דערלעבען קוים צו קומען צו די ברעגען פון די פאראייניגטע שטאאטען, און ווען זיי קומען שוין, טרייבט מען זיי צוריק.

אין אנדערע ווערטער, הייסט עס, אז אנשטאט די טרעהרען-סטאנציעס פון ענטוישטע וואנדערער זאלען זיין ביי די ברעגען פון אמעריקא, זאלען זיי זיין ביי די ברעגען פון די אויסוואנדערונגס-לענדער. גאמפערס, דער הומאניסט, וואלט אודאי געוואלט, אז טרעהרען-סטאנציעס זאלען איבערהויפט ניט זיין, אבער אזוי ווי ער באטראכט ניט די אימיגראציאנס-פראגע פון א רחמנות-שטאנדפונקט, שטעלט ער זיך אויף דעם ניט אפ. ווארים, אויב רחמנות, אויב האבען אין זינען די ליידען פון די פאלקס-מאסען, וועלכע זיינען געצוואונגען צו וואנדערען, פארוואס מוז דאס אמעריקא זיין די איינציגע מדינה, וואס זאל זיך אנשטרענגען „איבער איהרע קרעפטען“ די ליידען צו פארלייכטערען? אזוי, ווארשיינליך, האט גאמפערס געטראכט באהאנדלענדיג דעם ענין. וויל אין זיין ארטיקעל רעדט ער פון די פעלקער, וועלכע קאנען זיך ניט איינארדנען מיט אן אייגענער גרויסער פאלקס-ווירטשאפט, וואס זאל מאכען אויסוואנדערונג אומנויטיג.

צי עס איז וויסענשאפטליך אויסגערעכענט אדער ניט; צי עס איז אין דעם דא אמת'ע הומאניטעט; — דאס איז אנאנדער פראגע. ארויסטרעטענדיג אלס באשיצער פון די העכערע לעבענס-סטענדארדס אין אמעריקא, העכער, ווי וואו עס איז אויף דער גאנצער וועלט, וויל זיך גאמפערס ניט רעכענען מיט דעם, צי אזעלכע ציפער באווייזען אזוי, אדער באווייזען אנדערש; און וויל ניט טראכטען, צי עס איז אן איבערטרעטונג פון א הויכען אלגעמיין-מענשליכען פרינציפ; ער זעהט אין אן אונבאשרענקטען אימיגראציאנס-שטראם א געפאהר פאר דעם העכערען לעבענס-סטאנדארד און ער טרעט ארויס פאר באשרענקטע אימיגראציאן.

איז אבער אן אונבאשרענקטער אימיגראציאנס-שטראם טאקע א געפאהר פאר די העכערע לעבענס-סטאנדארדס אין אמעריקא?

גאמפערס פארלאזט זיך ניט אויף דעם פעסט-געשטעלטען געדאנק, אז אימיגראנטען באשאפען א גרעסערען קויף-מארקעט, און פאלגליך נעהמען זיי ניט צו קיין ארבייט ביי די איינגעזעסענע. דאס איז טאקע אמת. אבער אמת איז אויך, זאגט ער, אז אן איבערפלוס פון ארבייטס-הענד ברענגט צו קאנקורענץ איבער ארבייטס-לוין; בעלי-הבתים האבען פון וועמען צו קלייבען, דריקען זיי אראפ די ווידזשעס; מיט אראפגעדריקטע ווידזשעס מוז די קויף-קראפט פאלען; פאלגליך, וועהרענד א צופלוס פון מעהר איינוואוינער אין לאנד פארגרעסערט טאקע דעם קויף-מארקעט, פאלט אבער די קויף-קראפט סאי ווי סאי, און די לעבענס-סטענדארדס פאלען נידעריגער און נידעריגער.

אז עס איז ווען געווען א „שארטיידזש אוו לייבאר“ אין לאנד; אז עס האבען אויסגעפעהלט ארבייטער אין געוויסע אינדוסטריען, דאס לייקענט גאמפערס ענטשיידען. ער ווייזט אן, אז עס איז איבערהויפט לעכערליך צו רעדען וועגען א „שארטיידזש אוו לייבאר“. עס האלט נאך ניט ביי דעם, אז אמעריקא זאל זיך ניט קענען ספראווען מיט איהר ווירטשאפט, ווערען א „פאראויטען-פאלק“, אנקומענדיג „צו יענעם“...

אחוץ דעם ווייזט גאמפערס אן אויף דאס פאלגענדע:

אין יאהר 1921-22 האבען די לענדער פון דרום- און מזרח-אייראפא בלויז געשיקט עפעס מעהר פון 46 פראצענט פון דער קוואטא אימיגראנטען, צו וועלכער זיי זיינען געווען בארעכטיגט לויט דעם דריי פראצענט געזעץ. אין יאהר 1922-23 האבען זיי אויסגעפילט זייער קוואטא, נאך איידער דער יאהר האט זיך געענדיגט. אין די לענדער פון דרום און מזרח אייראפא זיינען די ארבייטער-פארדינסטען און די לעבענס-סטענדארדס העכער ווי אין אנדערע לענדער, אויסער די פאראייניגטע שטאאטען. אין יאהר 1921-22 איז אין די פאראייניגטע שטאאטען געווען א קריזיס, זיינען קיין אימיגראנטען פון די לענדער מיט העכערע לעבענס-סטענדארדס ניט געקומען אהער. איצט, ווען מען איז דעם עקאנאמישען קריזיס אין די פאראייניגטע שטאאטען איבערגעקומען, האט מען אנגעהויבען קומען פון יענע לענדער אין גרויסע צאהלען, טראץ דעם, וואס דארטען איז פיל בעסער ווי אנדערשוואו.

וואס באווייזט עס? — פרעגט גאמפערס.

און ער ענטפערט:

אז וואנדערונג פון יענע לענדער איז נאר א פראגע פון פארבעסערען זיך דאס לעבען אלץ מעהר.

און עס קומט אויס פון דעם צו דרינגען, אז וויבאלד די וואנדערונגס-פראגע איז אן עקאנאמישע, און צו א געוויסען גראד אן עגאאיסטישע, פארוואס זאלען די וואנדערער יא מאגען זיין עגאאיסטען און די אמעריקאנער ארבייטער זאלען עס ניט טארען זיין?

גאמפערס פרעגט עס ניט; אבער די פראגע שפארט זיך ארויס פון'ם געבראכטען פאקט.

די אונטערשטע שורה איז, אז אין דעם דערמאנטען ארטיקעל מאכט גאמפערס קלאר די שטעלונג פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג צו דעם אימיגראציאנס-פראבלעם אויף אזא אופן אז באשולדיגען די א. פ. אוו ל. אין געגנערשאפט צו אימיגראציאן, דערפאר, ווייל זי איז כלומרשט רעאקציאנער און דזשינגא'איסטיש, ווי איהרע שונאים ווילען האבען — דאס קען מען ניט. עס איז ודאי ווייט פון דעם. אבסאלוט ווייט. דער לעזער פון גאמפערס'עס ארטיקעל קען אבער טראכטען, און ער האט גרונד צו טראכטען — וויבאלד דאס איז דער פאקט, פארוואס מאכט ניט די א. פ. אוו ל. א גענויע אויספארשונג פון דער גאנצער לאגע מיט אן אמת'ע פארטיפונג אין דעם פראבלעם, אזוי אז עס זאל ווערען א וועלט-דעקלאראציע? די וואנדערונגס-פראגע איז דאך ניט א פלוצלינגע אישו. עס איז דאך א שטענדיגע אישו, וואס צופליסט זיך קיינמאל ניט. און אויב איינוואנדערונג איז בלויז אמעריקא'ס אישו, איז דאך וואנדערונג בכלל א וועלט-פראגע. די אמעריקען פעדערייששאן אוו לייבאר וואלט אפגעטאן א גרויסע דינסט פאר דער וועלט, ווען זי פארפערטיגט אזא ארבייט. טאקע דערפאר, ווייל גאמפערס האט דיזען מאל גערעדט איבער אימיגראציאן אנדערש, ווי די גאנצע א. פ. אוו ל. רעדט אלע מאל, ברענגט דעם לעזער צו טראכטען פון דעם.

* * *

און אז איך רעד פון גאמפערס און דער אימיגראציאנס-פראגע, ווילט זיך מיר אפצאהלען אן אלטען חוב קאלעגע ב. מיימאן. מיט עטליכע וואכען צוריק האט זיך קאלעגע מיימאן באנוצט מיט מיינעם אן ארטיקעל איבער אימיגראציאן אין „פאָרווערטס“ און מיך אריינגעקיבעצט אויף די קאלומס פון דער „גערעכטיגקייט“. איך האב אין „פארווערטס“ אנגעוויזען, אז אידישע וואנדערונג איז א פראבלעם פאר זיך אליין, אונאפהענגיג פון דעם גאנצען אימיגראציאנס-פראבלעם. די אייגענארטיגע לאגע פון די אידען, א פאלק אהן א לאנד; די אייגענארטיגע לאגע פון א געיאגטען פאלק; פון א פאלק אהן א נאטירליכע און אמת-היסטארישע צוגעבונדענקייט צו אירגענד וועלכען לאנד, מיט אן אינדוסטריעלער ווירטשאפט; און דאס,

(שלוס אויף זייט 14.)

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשוינט באארד פון דער קלאוק און דרעס מאכער יוניאן

פון ה. פינקעלשטיין

דער „אינדעפענדענט דרעס דעפארטמענט.“

לעצטען מאל האבען מיר געגעבען אן איבערבליק איבער א רעפארט פון דעם „אסאסיאיישאן דרעס דעפארטמענט“, פון וועלכען ברודער הארוויץ איז דער מענעדזשער. דאס מאל האבען מיר פאר זיך גאנצע דריי רעפארטען, וואס מיר האבען לעצטענס באקומען פון דעם „אינדעפענדענט דרעס דעפארטמענט“, פון דזשאינט באארד, פון וועלכען ברודער ס. פריזאמט איז דער מענעדזשער. איין רעפארט איז דאטירט דעם 1טען נאוועמבער, דער צווייטער דעם 14טען נאוועמבער און דער דריטער איז דאטירט דעם 5טען דעצעמבער. עס פארשטעהט זיך, אז מיר כאפען זיך צוערשט צום לעצטען רעפארט, ווייל וואס עס ווערט אין איהם איבערגעגעבען איז דאך מעהר ניי און פריש ווי אין די צוויי רעפארטס פון די פריהערדיגע דאטומס.

☘

דער רעפארט פון 5טען דעצעמבער איז פאר א משך פון דריי וואכען צייט, פון דעם 12טען נאוועמבער, ביז דעם 1טען דעצעמבער.

אין דער צייט האט דער אפיס אויפגענומען און אטענדעט 92 פארשיידענע קאמפליינטס, קלאסיפיצירט ווי פאלגט:

וועגען דעם וואס פירמען האבען אליין געשניטען די ארבייט — 9.

פאר באשעפטיגען ניט יוניאן ארבייטער — 11.

פאר פארלעצען די רולס אין באצוג די ארבייטס־שטונדען — 5.

דיסטשארדזש־קייסעס — 15.

דיספיוטס וועגען פרייזען — 8.

וועגען אומגלייכער פארטיילונג פון דער ארבייט — 16.

פארשיידענע קאמפליינטס — 11.

צוזאמען — 92 קייסעס.

א חוץ דעם האבען די ביזנעס אייזשענטס פון דעם אפיס דורך דער צייט באזוכט 294 שעפער, צו זעהן, אויב דארט איז אלץ ווי עס באדארף צו זיין; עס איז אטענדעט געווארען צו 23 שאפ־מיטינגס; 19 שעפער האבען זיך צוזאמגעמאכט און 4 נייע שעפער האבען זיך געעפענט, און ווי דער שטייגער איז, ווערען אזעלכע פאסירונגען אימער באגלייט פון א פארציע טראבעל. עס איז דא טראבעל ווען א שאפ פארמאכט זיך און עס איז דא טראבעל ווען א שאפ עפענט זיך, איידער אין דעם שאפ ווערט אלץ איינרעגולירט, לויט די פאדערונגען פון דער יוניאן. און אלס א צולייג, זיינען זיבען דרעס שעפער פון דעם דיסטריקט אין סטרייק, וואס זיינען אונטער דער אויפזיכט פון דעם אפיס, און דערביי, פארשטעהט זיך, איז אויך עפעס דא צו טאן.

אזוי ווייט וואס אמבאלאנגט דעם רעפארט אין אלגעמיין. איצט וועלען מיר זיך אפשטעלען צו באטראכטען אייניגע פון די קאמפליינטס, לויט ווי זיי ווערען געשילדערט אין דעם רעפארט.

„ביים ענדע פון סעזאן — דערציילט דער רעפארט — האט די פירמע רובין דרעס קאמפאני, פון 31 איסט 32טע סטריט, אפגעזאגט אלע ארבייטער, באהויפטענדיג, אז זי נעהמט זיך צו דזשאבינג. עס איז יעמאלט אין דעם שאפ במילא קיין ארבייט ניט געווען און מיר האבען באשלאסען אפצוווארטען, ווי די זאך וועט זיך אנטוויקלען. לעצטענס האט זיך ארויסגעוויזען, דאס די פירמע האט פארדונגען דעם שאפ צו אייניגע ארבייטער, וואס זיינען דארט פריהער געווען באשעפטיגט, און זיי האבען זיך א נאמען געגעבען: „די מייד וועל דרעס קאמפאני“. מיר האבען זיך עטלאכע מאל געווענדעט צו דער פירמע רובין, אונטערצושרייבען א דזשאבערס אגרימענט, אבער די פירמע האט עס אלץ אפגעלייגט, און מיר האבען געגען איהר ערקלערט א סטרייק. און אזוי ווי עס איז פאראן א גרויסער פארדאכט, אז דער נייער שאפ איז א „קארפארעישאן שאפ“, אין די אינטערעסען פון דער רובין־פירמע, איז דער שאפ אפגעשטעלט געווארען“.

און דער רעפארט דערציילט פון נאך עטלאכע פאלען, וואס זיינען גאנץ ענהנליך צו דעם, וואס מיר האבען דא איבערגעגעבען.

ווייטער ווערען איבערגעגעבען די פאקטען פון אייניגע קאמפליינטס, וואס די פירמען זיינען באשטראפט געווארען מיט געוויסע געלט־סומען, ווייל זיי האבען אליין געשניטען די ארבייט, און דורך דעם אוועקגענומען די ארבייט פון דעם קאטער. אין מאנכע פון די פאלען האבען די פירמען געמוזט באצאהלען דעם קאטער פאר זיין פארלארענע צייט, וואס דאס וועט זיין א ווארנונג פאר יענע פירמען מעהר ניט צו פארנעמען זיך מיט אן ארבייט וואס דארף געטאן ווערען פון די קאטערס.

וואס אמבאלאנגט די „דיסטשארדזש־קייסעס“, זיינען די ארבייטער רעאינסטייטעט געווארען אין 11 פאלען פון די 15, וועגען וועלכע דער רעפארט דערציילט.

שוין דאס אליין צייגט, אייגענטליך, מיט וועלכער ערנסטקייט די יוניאן־ארבייט אין דעם אפיס ווערט געטאן, ווארום די „דיסטשארדזש־קייסעס“ זיינען דאך אייגענטליך די סאמע אנגעווייטאגסטע קאמפליינטס, און ווען אין 11 פאלען פון 15 זיינען די ארבייטער רעאינסטייטעט געווארען, איז דאס עפעס וואס צייגט אן מיט וועלכער זארגפעלטיגקייט די יוניאן־ארבייט אין דעם אפיס ווערט געטאן. אבער ווי שוין אנגעוויזען, איז דאך דא אין דעם רעפארט נאך און נאך, ווי דער שטייגער איז, פעלט אויך ניט אין דעם רעפארט א ליסט מיט ווידזש־קאלעקשאנס פאר „בעק־פעיס“, די סומע באטרעפט 484.64 דאל.

☘

איינער פון די צוויי אנדערע רעפארטען פון ברודער פריזאמט איז אינגאנצען א סטאטיסטישער. ער ענטהאלט בלויז טאבעלען. עס איז א סטאטיסטישער רעפארט וואס דערצעהלט מיט ציפער וועגען אלץ וואס אמבאלאנגט צו די 8,348 ארבייטער וואס זיינען געווען באשעפטיגט דורכ'ן פאל סיזאן אין די 445 שעפער וואס דער אפיס קאנטראלירט. דאס איז א קלאסיפיצירטער רעפארט, לויט די פאכען, נאציאנאליטעט און געשלעכט.

אט איז איינע פון די הויפט טאבעלעס אין דעם רעפארט:

	צאהל פון ארבייטער	נאציאנאליטעטען: אידען	איטאליענער	אנדערע	מענער	פרויען
אפערייטארס	1,008	2,965	1,006	37	2,002	2,006
פינישערס	1,845	1,038	681	126	30	1,815
פרעסערס	713	603	87	23	686	27
קאטערס	565	543	18	4	656	....
דרייפערס	724	477	166	81	3	721
עקזאמינערס	301	229	46	26	1	300
סעמפל מייקערס	141	43	93	5	14	127
קלינערס	8	7	....	1	....	8
סנעפ מייקערס	1	1	....	....	1	....
בעלט סטיטשערס	6	4	1	1	....	6
העם סטיטשערס	32	24	6	2	....	32
טארערס	4	4	....	....	4	....
טאטאלס	8,348	5,938	2,104	306	3,306	5,042

אין דעם רעפארט זיינען דא נאך אייניגע אינטערעסאנטע טאבעלעס, אבער דער פלאץ ערלויבט ניט מעהר פון זיי איבערצוגעבען.

דער דאון טאון אפיס.

ברודער סעמיועל פערלמוטער, דער מענעדזשער פון דאון־טאון אפיס פון דזשאינט באארד, האט אונז צוגעשיקט א רעפארט, אין וועלכען עס ווערט דערציילט וואס אין דעם אפיס איז געטאן געווארען פון דעם 15טען אויגוסט ביז דעם 1טען נאוועמבער, דאס איז א משך פון דריי און א האלב מאנאטען, און איר קאנט שוין אליין פארשטעהן, אז דער רעפארט איז צימליך א לאנגער, און מיר וועלען דא איבערגעבען בלויז דאס סאמע וויכטיגסטע וואס מיר געפינען דארט.

פאר דער צייט זיינען אין דעם אפיס אטענדעט געווארען 642 פארשיידענע קאמפליינטס און עס זיינען געמאכט געווארען 395 שאפ קאנטראלס.

וואס אמבאלאנגט די קאמפליינטס, זיינען זיי פון דעם זעלבען כאראקטער, ווי מיר באגעגענען זיי אין די אלע רעפארטען פון דזשאינט באארד אפיסעס, ווי א שטייגער, וועגען אומגלייכער צוטיילונג פון דער ארבייט, ווידזש־קאלעקשאנס, פרייז־ארדזשאסטמענטס, „דיסטשארדזש קייסעס“, און אזוי ווייטער.

אט איז דער סך הכל ווי עס זיינען ארדזשאסטעט געווארען די „דיסטשארדזש קייסעס“.

אזעלכע קייסעס זיינען געווען 52. אין 38 פאלען זיינען די ארבייטער רעאינסטייטעט געווארען. אין זיבען פאלען האבען די באטרעפענדע ארבייטער ניט געקענט רעאינסטייטעט ווערען, ניט אכטענדיג אויף די אלע אנשטריינגונגען וואס דער אפיס האט געמאכט. אין די אנדערע זיבען פאלען זיינען די ארבייטער ניט געקומען ווען זייערע קלאגעס זיינען אויפגענומען געווארען און מען האט עס געמוזט לאזען פאלען.

אט איז איין פאל, וואו א פינישערין האט ניט געקענט רעאינסטייטעט ווערען, און פארוואס.

די פירמע בראנר און בערמאן, פון יוניווערסיטי פלייס, האט פארמאכט דעם שאפ ארום מיטען פון מאנאט אפריל, ערקלערענדיג, אז זי געהט ארויס פון

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

און איצט, אז פרעזידענט קולידזש האט שוין ענדליך באפרייט אלע אונזערע פאליטישע, און מאקע נאר דערפאר, ווייל זיי זיינען דאך אין גאנצען אומשולדיג אין אירגענד וועלכען פארברעכען, אויב ארויסריידען אייגענעם אידעען און איבערצייגונגען איז ניט קיין פארברעכען, שטעלט זיך די הארבע פראגע: מיט וואס וועט די רעגירונג פארגיטיגען די אלע מענשען פאר די פילע יאהרען פון זייערע ליידען, וועלכע זיי האבען געפיהלט דאס שמערצליכער, ווייל זיי האבען דאך קיין פארברעכען ניט באגאנגען?

———

איך קען ניט אויסלאזען די געלעגענהייט צו דערמאנען מיט א געפיהל פון דער העכסטער אכטונג די יעניגע, וועלכע וואלטען נאך מיט א יאהר צוריק געקאנט פריי ווערען, ווען זיי וואלטען איינגעגאנגען אויף פרעזידענט הארדינג'ס תנאי, אז זיי וועלען מעהר שוין קיינמאל ניט טאן דאס, וואס זיי האבען געטאן. מיט פאראכטונג האבען זיי צוריקגעוויזען דעם דאזיגען האנדעל מיט זייער געוויסען, און זיינען געבליבען ווייטער שמאכטען אין פריזאן. דערמיט האבען די מענשען זיך ארויסגעוויזען צו זיין מיט טויזענט קעפ העכער, ווי די, וועלכע האבען זיי ארייננעזעצט און געהאלטען יאהרען לאנג פארשפארט און אפגעריסען פון דער וועלט.

———

אויך דערמאן איך זיך איצט אן איינעם פון די, וועלכער, אום ניט צו זיצען אין פריזאן, איז אנטלאפען נאך רוסלאנד. איך מיין דעם גוט־באקאנטען פיהרער פון דער אי־דאבליו־דאבליו, וויליאם ד. העיוואוד. און איך וואלט געוואלט זעהר טשיקאווע צו וויסען, ווי פיהלט איצט ביל העיוואוד, ווען ער האט געהערט, אז זיינע אמאליגע קאמעראדען און מיטקעמפער זיינען ענדליך פריי? אמת, ער האט זיך דורך זיין אנטלויפען גערעטעט פון א פאר יאהר פריזאן. אבער... מיט וואס איז זיין זיין אין רוסלאנד געווען פאר איהם פיל בעסער, ווי א פריזאן? וואס האט ווער געהערט פון העיוואוד'ען, זייט ער איז אין רוסלאנד? און ווען א מענש מוז שווייגען, איז ער דען ניט אין פריזאן אפילו דאן, ווען ער מעג שוין זיך ארומשלייען אין די גאסען?

———

עס שטורעמט גאנץ געוואלדיג אין דער קריסטליכער וועלט. זי איז ממש אויפגעטרייסעלט פון דער פראגע, צי מרים, יעזוס'עס מאמע איז געבליבען א בתולה, ווערענדיג טראגעדיג מיט איהם. און צי יעזוס איז דער זוהן פון גייסט, און ניט פון א מאמען פון פלייש און בלוט. און מערקווירדיג, די צאהל פון די, וואס לייקענען אפ די גאנצע מעשה, האלט זיך אין איין פארמעהרען, און זיי זיינען עס, וואס רופען די אמת־גלויביגע צום קאמף. די אמת־גלויביגע וועלען זיכער צוליב דעם האבען א פארשערטען קריסמעס, אבער זאל עס די ליבעראלע גלחים נאר אנהויבען צו ארען. די ערשיינונג איז געווים א זעהר ערפרייענדע, אבער אז ס'קאן נאך נאר זיין א סכסוך וועגען דעם, איז עס ניט דער קלארסטער באווייז, ווי ריקשטעהענד עס איז נאך דער מענש?

———

אבער, צוריקגערעדט, קען מען אט די פאסירונג אויסטייטשען אביסעל אנדערש. דער פאקט, דאס אט די ליבעראלע גלחים, וועלכע לייקענען אין מרים'ס מיידעלשאפט און אין יעזוס'עס געטליכקייט, ווערען ניט פארברענט אויפ'ן שייטערהויפען, ווי דאס וואלט זיכער פאסירט מיט בלויז א פאר יאהרהונדערטער צוריק: דער פאקט, דאס זיי האבען דעם מוט צו שטעלען זיך נעגען די טיף איינגעווארצעלטע פארורטיילען, איז פארט אן אומבאשטרייטבארער ארגומענט פאר אונזער פארשריט פון פינסטערניש, פון דומהייט צום קלארען דענקען.

———

די קאנסערוואטיווע פארטיי אין ענגלאנד געפינט זיך, ווי מען זאגט עס אויף ענגליש, „צווישען דעם טייפעל און דעם טיפען ים“. אפטרעטען איהר פלאץ פאר דער ארבייטער פארטיי, אך, ווי איהר גלוסט זיך ניט. ווידער איינשפארען זיך און בלייבען ווייטער ביים רודער, קען זי ניט. שוין ביי דעם ערשטען פארלאמענט מיטינג וועט מען איהר געבען צו פיהלען, אז זי האט ניט קיינעם'ס צוטרוי, און זי וועט זיך מוזען אפטראגען מיט חרפה. א חוץ דעם, לויט דער קאנסטיטוציע, קומט דער ארבייטערשאפט איהר ירושה. אוועקנעמען דאס ביי איהר, הייסט טרעטען מיט די פיס די ענגלישע קאנסטיטוציע. און דאס איז צו געפעהרליך. ווער ווייס, מיט וואס דאס ענגלישע פאלק קען ענטפערען אויף אזא האנדלונג. איז דאך דער ענגלענדער אין דער לעצטער צייט אין גאר א זאנדערבארער שטימונג... וואלט כאטש די ליבעראלע פארטיי געלאזט זיך איינרייערען און מאכען יד אחת מיט דער קאנסערוואטיווער פארטיי, וואלט עס נאך געווען א האלבע צרה. אבער דאס וויל ניט די ליבעראלע פארטיי. לאיד דזשארדזש האפט, אז באלד וועט די ליבעראלע פארטיי אליין זיין אין זאטעל, און נאטירליך, וועט ער דאך דאן זיין דער גאנצער מאכער. דערפאר איז ער זיכער באריים פאר א ווײלע זיך צו פאראייניגען מיט דער ארבייטער־פארטיי, ווי מיט די קאנסערוואטיווע. בקיצור, ווי מען זאל דעם חולה — דער קאנסערוואטיווער פארטיי אין ענגלאנד — ניט ליינען, איז איהם אלץ שלעכט. און קיינער קען איצט ניט פאראויסזאגען, מיט וואס עס וועט זיך ענדיגען דער גאנצער פלאנטער.

———

די זאך איז געווארען 20 יאהר, זייט די ברידער רייטס אין דייטאן, אהייא, האבען צום ערשטען מאל געפלויגען עטליכע סעקונדען אין זייער פליהמאשין. נאטירליך, האט די פרעסע זיך שטארק צורעדט וועגען דעם. אויך זיינען פאראנשטאלט געווארען מיטינגען, וואו מען האט גערעדט וועגען דעם גרויסען אויפטו. אויך איז ארוויל רייט, איינער פון די צוויי ברידער, וואס לעבט נאך, פארשטעלט געווארען פון אלע זייטען מיט באגריסונגס־טעלעגראמען. יע, אלע האבען גערעדט, נאר מר. ארוויל רייט, דער ערפינדער, האט געשוויגען. און זיין שווייגען איז ווירקליך פול מיט באדייטונג. ווער ווייס, אויב ער האט ניט שטארק חרטה אויף זיין גאנצען אויפטו, צוזעהענדיג, ווי זיין גרויסע וואונדערבארע ערפינדונג איז אויסגענוצט געווארען! ווארים דערווייל, איז דאך די גרויסע פליהקונסט בלויז א מיטעל, ווי שטארקער, ווי ווירקזאמער, צו ערמארדען מענשען אין מאסען.

———

ווי ריכטיג עס איז דער געדאנק, אז מען קען דערשטיקען דעם זינגער, אבער ניט זיין געזאנג; דעם דענקער, אבער ניט זיינע אידעען, דאס זעהט מען איצט זעהר בולט און קלאר אין רוסלאנד. וויפיל טויזענטער און טויזענטער האט מען עס צושאסען, פארשפארט אין די געפענגניסען, פארשיקט אויף קאטארגע, נאר דערפאר, ווייל זיי האבען געהאט דעם מוט צו זאגען צו די רוסישע קאמוניסטען: איהר טויגט ניט. איהר קריכט אויף גלייכע וועגע, איהר פיהרט רוסלאנד צו איהר רואינע. און איצט פון דער קאמוניסטישער פארטיי אליין זיינען צום לעבען געקומען די שארפסטע קריטיקער פון דעם גאנצען איצטיגען רעשים, און מיט דער רעכטסטע ווענען דעם, אז רוסלאנד מוז האבען מעהר פרייהייט, מעהר דעמאקראטיע, אז מעהר קען עס ניט געהן אזוי, ווי עס איז געווען ביז איצט, קאכט גאנץ רוסלאנד. איז דאס ווירקליך ניט זאנדערבאר? דארף עס ניט זיין דער שטארקסטער לעקאן פאר אלערליי דעספאטען?

———

און טשיטשערין בעט זיך שוין ווידער ביי אמעריקא, זי זאל ווערען גוטפריינד מיט רוסלאנד. און דערפאר זאגט ער צו, אויפצוגעבען די גאנצע קאמוניסטישע פראפאגאנדע אין אמעריקא, אדער, ווי ער דריקט זיך אויס אויף זיין דיפלאמאטישען לשון, ניט אריינמישען זיך אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון אמעריקא. עס קען זיין, אז מיט אזא צוזאג וועט אמעריקא נעמען טשיטשערין'ס בקשה אין אנבאטראכט. אבער די פראגע איז, וואס וועט דער דריטער אינטערנאציאנאל דערצו זאגען? און ביי וואס וועלען בלייבען די רוטענבערגס, די פאסטערס און די דאנס?

———

זעהענדיג לייוויק'ס „בעטלער“, האב איך זיך כער גערעכענט, אז אונזער פאעט האט די גאנצע מעשה אויסגעטראכט. אבער ס'ווייזט זיך ארויס, אז אביסעל אמת איז דא אין דעם. אין די לאנדאנער גאסען האלטען דעם גאנצען טאג שפילען פארשיידענע קאפעליעס, און די דאזיגע מוזיקאנטען מאכען א לעבען, ארומגעהענדיג מיט'ן

(שלוס אויף זייט 16.)

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

ס. פאלאקאף. — מיר קענען ניט ערפילען דעם מאל אייער בקשה, ווייל דאס וואלט כמעט ווי געהייסען זיך מישען אין „פאליטיקס", און דער־פאר היטען מיר זיך, ווייל מיר שטרעבען פון דער ערשטער מינוט אן, וואס די „גערעכטיגקייט" איז ארויס, צו מאכען איהר פאר דעם ארגאן פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל ,און ניט פון דעם אדער יענער פראקציע. אמת, אין דער פראגע, וואו די קאנווענשאן זאל זיין, איז ניט פארוויקעלט פילע פאליטיקס, אבער דאך, ווי באלד די מעמ־בערשיפ דארף אויסקלייבען איינע פון די צוויי שטעדט, איז עס גלייכער איבערצולאזען די אויס־וואהל צו איהר איינענעם אורטייל. וואס אנבא־טרעפט אייער אויפטו אין באלטימאר פאר דער קורצער צייט, וואס איהר זיינט דארט, טוט עס אונז געוויס שטארק הנאה, אבער מיר זיינען ניט אויף דאס מינדעסטע איבערראשט. מיר האבען קיינמאל ניט געצווייפעלט, אז איהר וועט „מאכען גוט". ווארים, אויב ניט איהר, מיט אזא ברייטער ערפאהרונג אין דעם עניין יוניאן ,טו ווער דען?

יצחק פיינשטיין. — מיר דרוקען מיט פאר־גענוגען אייער בריף. אמת, מיר האבען שוין ניט איינמאל באריהרט די דאזיגע פראגע, אין דער „גערעכטיגקייט", אבער עס איז א פארגעניגען צו הערען דיזעלבע מיינונג אויסגעדריקט פון אן אר־בייטער אויף א זעהר קלארען שטייגער. מיר ווי־לען האפען, אז נאר פילע, פילע פון אונזערע מעמ־בערשיפ זיינען מיט אייך איינפארשטאנען. ניט אזוי צוליב דעם, ווייל ס'איז אין זייערע מאמענ־טאנע פערזענליכע אינטערעסען, נאר ווייל ס'איז פון דער העכסטער וויכטיקייט פאר אונזער גאנצער קלאוק־אינדוסטריע. אין אייער בריף ריהרט איהר אן א זעהר וועהטאגדיגען פונקט, נעמליך דאס, וואס דער אידישער ארבייטער, כאטש ער רעדט אזוי אפט און אזוי פיל פון קלאסענקאמף, איז אבער אין זיין גייסט נאך אלץ א ווינט־מענש, א ביזנעס־מענש. זיין איינריידעניש, דאס אין א פאר יאהר פון יאגעניש וועט ער אין גאנצען פטור ווערען פון שאפ, איז די הויפט אורזאכע פון זיין ארבייטען איבער די כוחות. אבער די ערפאהרונג האט זיי שוין באדארפט לערנען די אוממעגליכקייט פון דעם דאזיגען חלום, אויף די איינצעלנע ,וואס געראט זיך ארויסצורייסען פון שאפ, זיינען דא טויזענטער און טויזענטער, וועלכע זיינען דורכגעפאלען אין זייערע פארזוכען. די שעפער זיינען פול מיט דעם סארט מענשען, וואס האבען געטריים, און עס איז זיי ניט געלונגען. עס איז דארום ווירקליך אומבאגרייפליך, וואס נאר פילע האלטען זיך נאך אלץ ביי דער דאזיגער איינריידעניש.

בעקי פאמעראנץ. — אויב איהר זייט א יוניאן־מעמבער — מיר צווייפלען אין דעם, ווייל אין אייער בריף גיט איהר ניט אן דעם לאקאל, אין וועלכען איהר זיינט א מעמבער, און ניט דעם לעדזשער־נומער — קענט איהר זיך ווענדען צום סעקרעטאר פון אייער לאקאל, און ער וועט אייך געוויס געבען די ריכטיגע אינפארמאציע. נאך עטוואס. איהר שרייבט אונטער אייער בריף מיט דעם נאמען בעקי. אויף דעם קאנווערט אבער הייסט איהר א. פאמעראנץ. זיינט איהר דען אין איין און דערזעלבער צייט אי בעקי, אי א. פאמעראנץ?

אב. ברייען. — וואלט איהר דען אזוי גערעדט צו אייער „מיידעלע", ווי אי איהר רעדט עס צו איהר דורך אייערע גראמען? און מיינט איהר עס טאקע באמת, אז עס וואלט אייך הנאה געטאן, ווען אייער „מיידעלע" וואלט אלעס באלד פאר־געסען און זיך אויסגעלאכט „אזוי ווי נארנים געשעהען"? און לאמיר אננעהמען, אז איהר פיהלט טאקע אזוי, טו וואס איז די „גערעכטיגקייט" שולדיג? מיר מיינען, ווארים זאל דער לעזער מוזען ליידען? ניין. פארנעהמט ניט אייער צייט מיט דאס מאנופעקטשורען פון אזעלכע נארישע גראמען. געהט בעסער אין די אווענט־קלאסען פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. לערענט זיך אביסעל מעהר. איהר וועט דאן אליין וויסען, וואס הייסט גוט אדער שלעכט שרייבען: וואס עס איז דרוקבאר, און וואס ניט.

נ. דזשיליצקי. — פון דער לעצטע וואך „גערעכטיגקייט" קענט איהר זעהן, אז איהר האט זיך פארשפעטיגט מיט אייער קריטיק. אויך מוזען מיר אננעהמען, אז זעלטענדווען קומט איהר צו א מיטינג פון אייער לאקאל. ווייל, אויב יא, וואלט איהר דאך זיכער געוואוסט וועגען דעם, אז עס ווערען שוין געמאכט אלע נויטיגע פארבארייטונגען פאר די וואהלען. אפנים, אז קריטיקירען און גע־פינען אלערליי חסרונות אי לייכטער, ווי צו קומען צו א מיטינג, און זיך דערוויסען, וואס עס טוט זיך אין דער יוניאן. אבער דאס איז ווירקליך זעהר, זעהר ניט שעהן. ווען איינער האט אזוי ווייניג אינטערעס אין דער יוניאן, דאס ער קומט זעלטענדווען צו א מיטינג, דארף ער, לכל הפחות, האבען די אנשטענדיגקייט און ניט קומען מיט אלערליי טענות, ווייל אין די מעהרסטע פעלע קומען אזעלכע טענות פון פשוט'ען נישט־וויסען, וואס אין דער יוניאן קומט פאר.

מ. קריש. — אויסער אייער גאנץ שעהנער האנטשריפט געפינען מיר גארניט אין אייער ער־צעהלונג, וואס זאל פאדינען אונזער אויפמערק־זאמקייט. פון דעסטוועגען אויף אייער פראגע, צי איהר זאלט ווייטער שרייבען, צי ניט, קענען מיר אייך ניט געבען אונזער באשטימטען ענטפער. מיר וואלטען, אום צו געבען אייך אונזער ענטשיידונג, געמוזט מעהר וויסען וועגען אייך, וואס איז אייער באשעפטיגונג, צי דאס איז אייער ערשטער פאר־זוך, צי איהר האט גענוג צייט אויף לייענען, ניט בלויז אויף שרייבען. זייענדיג אומבאקאנט מיט אייערע אומשטענדען, מוזען מיר זיך צוריקהאלטען פון געבען אייך אירגענד וועלכע עצה אין דער הינזיכט. מיר קענען אייך נאר זאגען, אז דאס, וואס איהר האט אונז צוגעשיקט, הויבט ניט אן צו זיין דרוקבאר.

א. שאבאל. — מיר פארעפענטליכען אייער בריף, אבער מיר מוזען גלייך ערקלערען, אז מיר זיינען מיט אייך גאר ניט איינפארשטאנען. מיר האבען זיך ניט געלאזען „סיטרייסען מיט אונזערע צו גרויסע פראקטיקער". דער אמת איז, אז מיר קענען גארנים אזעלכע גרויסע פראקטיקער צווישען אונז. אונזערע פיהרער זיינען טאקע פראקטישע מענשען, אבער דאס קען דאך ניט פארעכענען ווערען אלס חסרון. די מעשה איז גאר פארקערט אין דעם פונקט גאראנטיע. ווען דער פונקט איז פארגעבראכט געווארען, האבען מיר געהאט איבערצייגען געגען איהם גראדע דאס, וואס ער איז שוין אביסעל צו אידעאליסטיש. מיר האבען געדענקט, אז די פארערונג, אז „די אינדוסטריע איז שולדיג א לעבען דעם, וואס איז באשעפטיגט אין איהר", איז נאר א סאציאליסטישע פארערונג, א פארערונג פאר דער צוקונפט, אבער קען ניט געשטעלט ווערען איצט, ווען די קאפיטאליסטישע ארדנונג איז נאך אין איהר גאנצער מאכט. דאס איז געווען אונזער טענה, קוסט איהר און געפינט עס נאר צו פראקטיש. פארשטעהען מיר עס ניט. און איצט, לאמיר־באטראכטען דעם עניין פון גאראנ־טיע אן־און־פאר־זיך. מיר זיינען זיכער, אז איהר וואלט גארנים געהאט דאגעגען די גאראנטיע, ווען זי וואלט געגאלטען פאר אלע ארבייטער אין דער אינדוסטריע. דאן וואלט איהר עס זיכער געהאלטען פאר דאס בעסטע, וואס קען נאר זיין פאר די ארבייטער. מעהר ניט, איהר זייט געגען דער גאראנטיע, ווייל ניט אלע ארבייטער אין קליוולאנד זיינען אזוי מזל'דיג. איהר מיינט, אז דורך דער גאראנטיע, איז די יוניאן צושפאלטען געווארען אין ארבייטער, וואס ווערען באשיצט פון דער יוניאן און אין ארבייטער, וואס מוזען ארומגעהן ליידיג. איז אפילו, וואס אנבאטרעפט קליוולאנד האלטען מיר עס פאר שטארק איבערטריבען. איהר טארט ניט פארגעסען, אז איידער די גאראנטיע איז באשאפען געווארען, זיינען אויך געווען ארבייטער, וועלכע האבען געארבייט מעהר, כמעט ווי „סטעדי", און ארבייטער, וועלכע זיינען ארומגעגאנגען ליידיג. ווער עס איז געווען ארבייטסלאז צוליב דעם, ווייל ער איז געווען ניט אזוי שנעל, ניט אזוי פעהיג, ווי די אנדערע, און ווער, צוליב א פשוט'ען צו־פאל פון ניט קריגען דעם ריכטיגען פלאץ. איהר ווייסט דאך, אז אין אונזער לעבען שפילט אמאל דער צופאל א גרויסע ראליע. דערפאר קענט איהר ניט ארויפווארפען די גאנצע שולד אויף דער גאראנטיע. אבער, אויב אין קליוולאנד ארבייט די גאראנטיע ניט אם בעסטען, מיינט עס נאך ניט, אז די דאזיגע גאראנטיע זאל ברענגען פונקט דיזעלבינע רעזולטאטען אויך אין ניו יארק. געוויס, ווען איהר וועט נעהמען יעדען פונקט פון די 40 באזונדער, וועט אייך געראטען צו געפינען עפעס אויסצוזעצען. אבער דאס איז אייער טעות. איהר דארפט נעהמען דעם פונקט 6 אין ענגער פאר־בינדונג מיט אלע איבעריגע פונקטען, און דאן וועט איהר געפינען, אז די גאנצע פראגע איז ווירקליך זעהר גוט ארומגעטראכט געווארען. איינער פון די 10 פונקטען פאדערט א 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך. דאס מיינט, אז 40 טויזענט קלאוקמאכער וועלען ארבייטען יעדע וואך מיט 160 טויזענט שטונדען ווייניגער. דאס מיינט, אז גאנצע 4 טויזענט ארבייטער, וועלכע לאמיר זאגען זיינען ארומגעגאנגען דאס גאנצע יאהר ליידיג, וועלען דורך דער איינפיהרונג פון דעם 40 שטונדיגער ארבייטס־וואך קריגען ארבייט פאר דאס גאנצע יאהר. אבער אזוי ווי אזעלכע 4 טויזענט קלאוק־מאכער, וואס זאלען ארומגעהן ליידיג דאס גאנצע יאהר, זיינען קיינמאל ניט געווען, ווארים, ווען יע, וואלטען זיי דאך שוין לאנג פון הונגער גע־שטארבען, מוזען מיר זאגען, אז די 160 טויזענט שטונדען, וואס וועלען צוקומען, וועלען געבען פולע וואכען ארבייט ניט בלויז צו 4 טויזענט קלאוק־מאכער, נאר צו 8 אדער 10 טויזענט. ד. ה. צו באלד א פערטעל פון אלע קלאוקמאכער. דאס מיינט פראקטיש, אז די 40 שטונדיגע ארבייטס־וואך וועט מאכען מעגליך, אז אלע זאלען האבען ארבייט, און די גאראנטיע פון א באשטימטער צאהל אר־בייטס־וואכען מיינט פאר אלע ארבייטער, און ניט בלויז פאר א טייל. די גאראנטיע וועט נאר מאכען, אז איינער זאל ניט האבען צופיל ארבייט, און דער אנדערער גארניט. יע, וואלט די גאראנטיע פארע־רונג געשטעלט געווארען אהן דער פאדערונג פון א 40־שטונדיגער ארבייטס־וואך, וואלט זי ווירקליך געארבייט צום שאדען פון פילע ארבייטער אין דער יוניאן, און דערמיט וואלט ווירקליך צושטערט גע־ווארען די גאנצקייט פון דער יוניאן. אבער מיר זעהען ניט אייז, ווי אזוי קען דאס פאסירען אין דעם פאל, ווען ביידע פאדערונגען צוזאמען ווערען געשטעלט און פארווירקליכט. דאן נעמט אין אנ־באטראכט נאך עטוואס. אין דער פאדערונג פון גאראנטיע האט די אינטערנעשאנאל זיך נאך ניט ארויסגעזאגט, אויף וויפיל וואכען ארבייט זי פארלאנגט די גאראנטיע. און ווייסט איהר ווא־רום? ווייל זי דארף ערשט אויסגעפינען גאנץ גע־נוי וויפיל עס זיינען דא ארבייטער, וואס האבען ניט געהאט קיין ארבייט פאר 6, פאר 3, אדער, אפשר, פאר גאנצע 9 מאנאטען; און וויפיל עס זיינען דא ארבייטער, וואס ארבייטען מעהר אדער ווייניגער דורך דאס גאנצע יאהר. ווען זי וועט דאס אויסגעפינען אויפריכטיג, וועט זי קענען בא־שטימען, ווי גרויס עס זאל זיין די גאראנטיע פאר די ארבייטס־וואכען, וואס זי זאל פאדערען. און איהר הויפטזארג וועט זיין ניט צו פארזיכערען איין טייל ארבייטער, און דעם אנדערען טייל לאזען ארומגעהן ליידיג, נאר ווי ווייט מעגליך אויספירען אז פון דער גאראנטיע זאלען אלע ארבייטער ציהען דעם העכסט מעגליכען נוצען. דאס איז, נאטירליך, דער אידעאל, וועלכען די אינטערנעשאנאל שטרעבט צו פארווירקליכען. און געוויס דארף מען ערווארטען אין אנפאנג שוועריגקייטען. מען קען רעכענען, אז ניט אלעס וועט זיין אזוי שעהן, ווי מיר האבען עס דא אויסגערעכענט טעארעטיש. פונקט, ווי עס איז דער פאל אין קליוולאנד, וואו איינינע אדער מעהרערע פיהלען זיך געקריוודעט פון דער איינפיהרונג. דער פאקט, דאס איהר און אויך אנדערע פיהלט זיך שלעכט, מיינט נאך ניט, אז דער פרינציפ פון גאראנטיע טויג ניט. אפשר איז דאס דערפאר, ווייל די גאראנטיע איז נאר אויסגעשפרייט אויף א געוויסע צאהל שעפער, וואו די יוניאן האט איהר קאנטראל, און אנדערע שעפער זיינען פריי דערפון; אפשר דער־פאר, ווייל די צאהל ארבייטס־שטונדען אין דער אינדוסטריע אין קליוולאנד איז ניט גענוגענד בא־גרעניצט, און אפשר זיינען דא אנדערע סבות. מיט דער צייט וועט געוויס דער פרינציפ פון גאראנטיע זיין פון גרויס נוצען פאר דער גאנצער אינדוסטריע. דאסזעלבע קען מען ערווארטען אויך אין ניו יארק און אין אלע אנדערע קלאוק־צענטערס. נאך עט־וואס, איהר וועט זיך דערמאנען, אז מיט א צייט צוריק, האט אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד ארויסגעשיקט א ספעציעלע קאמיטע נאך קליוולאנד, אום אונטערצוזוכען די ארבייטס־סיסטעם פון קליוו־לאנד. איינינעס, ווי צום ביישפיל, דעם מענעדזשערד און פרעזידענט, האט די קאמיטע ניט אנגענומען. די גאראנטיע אבער יע. פארוואס? זי האט געוויס אויסגעהערט אלע טענות פאר און דאגע־גען, אבער זי האט געפונען, אז אין אלגעמיין פון די גאראנטיע ברענגען גוטע רעזולטאטען פאר דער גאנצער יוניאן, און דר ג. ע. ב. האט, ווי איהר זעהט, עס אריינגענומען אין זיין פראגראם; און דער דזשאינט באארד פון די קלאוק אין דרעס מאכער אין ניו יארק האט עס נאך לאנגע דער־פאר גוטגעהייסען. דאס דארף פאר אייך זיין דער שטארקסטער באוויז, אז דער פונקט, ווי אלע אנדערע פונקטען פון דער פראגראם, זיינען אנ־גענומען געווארען ניט אהן א גרינדליכער איבער־לייגונג פון אלע אונזערע בעסטע קעפ' אין דער יוניאן: און מיר דענקען, אז עס איז אביסעל צו געוואגט פון אייער זייט צו זאגען, אז זיי אלע זיינען אומגערעכט, אז זיי אלע זיינען „צו גרויסע פראקטיקער", און איהר פארשטעהט בעסער פון אלע אנדערע די לאגע. פארשטעהט אונז, מיר האבען צו אייך גארנישט ,וואס איהר האט ארויס־געזאגט אייער מיינונג, אבער מיר האבען יא צו אייך, ווארום איהר האט זיך ניט אביסעל מעהר צוגעטראכט וועגען די פארשיידענע גרונדען, וואס מיר האבען אנגעגעבען אין אונזערע ארטיקלען. אז איהר האלט שוין יא אזוי פון אונז, און אונזער לאגיק, האט איהר דאך טאקע געמעגט ניט אזוי גיך קומען צום שלוס, אז מיר זיינען פון וועמען־עס־איז מיטגעריסען געווארען.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

די אויסדערוועהלטע

(פעליעטאן)

פון ז. וויהילער.

אין דער איצטיגער אומרוהיגער צייט, ווען עס דאכט זיך אויס, אז די גאנצע וועלט געהט כאדראם, אז מען קוקט זיך אבער צו אביסעל טיפער, באמערקט מען, אז עס זיינען צוויי פעלקער נאר, וואס צי־הען צו די גרעסטע אויפמערקזאמקייט. די איבעריגע פעלקער פון דער וועלט איז אדער מען דערמאנט זיי קיינמאל אפילו מיט קיין ווארט ניט, אדער מען באַ־שעפטיגט זיך מיט אן איינציגען, מיט א יחיד, פון דעם פאלק. אין דעם סכסוך, למשל, וואס געהט אן צווישען דייטשלאנד און פראנקרייך, הערט מען מעהר ניט ווי פואנקארע און סטינעס. וואו איז דאס פראנצויזישע פ א ל ק? וואו איז דאס דייטשע פאלק? מילא, די דייטשען זיי־נען נעבאך דערשלאגענע, פארהונגערטע; אבער וואו זיינען די פראנצויזען? די פראנצויזישע יוניאנס, סאציאליסטישע פארטייען און אנדערע ראדיקאלע ארגא־ניזאציעס? איז עס מעגליך, אז זיי אינ־טערעסירט גאר ניט, וואס פואנקארע רעדט און טוט אין זייער נאמען? מען דערצעהלט אונז אבער גאר ניט, וואס עס קומט פאר ביי די פעלקער.

דערפאר אבער איז די וועלט פול מיט מעשיות און באשרייבונגען פון אנדערע צוויי פעלקער — איין פאלק א גרויס, און איין פאלק א קליינס.

פארוואס דער רבונו של עולם האט אויסגעוועהלט דאס קליינע אידיש פאלק פון אלע קליינע פעלקער, איז פונקט אזא וואונדער, ווי למאי האט ער אויסגעוועהלט דאס גרויס רוסיש פאלק פון אלע גרויסע פעלקער.

נעהמט, למשל, אמעריקא, א לאנד, וואס איז אין שטח און אין באפעלקערונג כמעט אזוי גרויס ווי רוסלאנד. וויפיל אינטערעס פארנעהמט זי אין דער וועלט אין פארגלייך מיט רוסלאנד?

עס איז טאקע אמת, וואס ס'איז שייך פאליטיקע, האט אמעריקא דעם משונה'־דיגען כלל, אז די בעסטע רעגירונג איז די, וואס רעגירט אם ווייניגסטען — און עס ווערט טאקע לאנגווייליג אפצוּוואר־טען גאנצע פיר יאהר, פון עלעקשאן ביז עלעקשאן, אהן א „פוטש" און אהן א „קוד'עטא" — עס זיינען דאך אבער פא־ראן גרויסע פעלקער, וואס פראוווען יא פאליטישע קערמישלאך אלע מאנטאג און דאנערשטאג, פארוואס מאכט מען פון זיי ניט אזא צימעס, ווי פון יענעם אויסגע־וועהלטען פאלק?

ווער געדענקט עס ניט, וואס ביי אונז האט זיך אפגעטאן ווען מען האט אין רוסלאנד דערשאסען דעם גלח בוטשקע־וויטש? מיר זיינען דאך, שונאי ציון, שיער ניט דערטרונקען געווארען אונטער דעם מבול פון רעזאלוציעס פאר און געגען דער דערשיסונג. אין דער אייגענער צייט איז אין גריכענלאנד צעשאסען געווארען א גאנצער מיניסטעריום און — א האן זאל עס געוועזען א קרעה טאן; אין בול־גאריען איז דערשאסען געווארען א האל־בער מיניסטעריום און — א פויגעל זאל עס געוועזען א פיפס טאן.

אדער נעהמט, למשל, פארטוגאל. א לאנד פון כראנישע רעוואלוציעס. מיט וואס, פרעג איך, זיינען זיי ערגער פון די אידען? פארוואס ווערט וועגען אידען גערעדט און געשריבען טאג און נאכט איבער דער גאנצער וועלט, און וועגען די פארטוגעזער ווערט זעלטען אפילו א ווארט דערמאנט? אט האבען זיי ערשט אויך געהאט עפעס אן אויפשטאנד מיט א רעוואלוציע, מיט אלע קליפערלאך: קריגס־שיפען האבען געשאסען, א המון האט א פאר מאל אטאקירט דעם פאלאץ און עס האט זיך גראדע איצטיגס מאל אויסגעלאזט מיט גאר ניט. פארוואס־זשע זאלען מיר פונדעסטוועגען ניט ווי־סען פארוואס און צוליב וואס מענשען שלאגען זיך? אפשר קעמפען זיי פאר א גרויסען אידעאל; אפשר נויטיגען זיי זיך אין שטיצע; אפשר וואלט מען גע־דארפט מאכען א קאלעקשאן פאר זיי? צי־דען־זשע ווייל זיי זיינען פארטוגעזער און ניט קיין רוסען טאר מען אפילו זייער נא־מען ניט דערמאנען?

און דאס איינציגע וועגען שפאניען. אין שפאניען איז אויך עפעס פארגעקומען: פרימא די ריווערא האט פארכאפט דער־מיט די מאכט און איינגעפיהרט א דיק־טאטור. פארוואס? צוליב וואס? ווי אזוי ארבייט זיין דיקטאטור? איז זי גוט, איז זי שלעכט? א ווארט ניט! שפאניע אינטערעסירט ניט קיינעם. דאכט זיך א שעהן לאנד, א קולטור לאנד — עס איז אבער ניט פון די אויסדערוועהל־טע לענדער.

גראדע האט זיך געמאכט, אז אן אמע־ריקאנער גענעראל איז געווען אין שפא־ניען בעת דער לעצטער איבערקערעניש און געהאט א מעגליכקייט זיך צוצוקוקען ווי אזוי די ריווערא'ס דיקטאטור ארבייט. אין דעם „אמעריקאן רעוויו אוו רעוויוס" דערצעהלט גענעראל טשארלס ה. שעריל די מעלות פון דער דיקטאטור:

ערשטענס, האט פרימא דע ריווערא ארויסגעגעבען א פריקאז, אז אלע יעניגע, וואס קריגען אלע וואך שכירות פון דער רעגירונג, מוזען קומען ארבייטען אויף זייערע שטעלעס. אז דער דאזיגער עולם איז זיך צונויפגעקומען, איז ניט נאר ניט געווען קיין גענוג דעסקס מיט בענק־לאך פאר זיי אין די אפיסעס, נאר עס איז ניט געווען אפילו קיין „סטענדינג רום", קיין פלאץ אויף צו שטעהן (ס'איז א סברא, אז אין ניו יארק וואלט אויך ניט געווען גענוג „סטענדינג רום"). נאכ־דעם האט ער זיך גענומען צו די פענסי־אנערען, צו די וואס קריגען פענסיעס. עפעס זיינען געווען צופיל מיוחסים אין שפאניען, וואס פלעגען קריגען א בכבוד'־דיגע פענסיע. איינער האט געמעגט זיין א מיניסטער בלויז איין טאג, האט ער שוין געקראגען א פענסיע זיין גאנץ לע־בען.

הכלל, דער נייער רעזשים פון דער מיליטערישער דיקטאטור איז נאר אן אנ־מיס. ער שפארט איין דעם פאלק א [illegible] מיט געלט אויף אומנויטיגע הוצאות.

איין זאך פארשטעהט נאך ניט אונ־זער גענעראל: פארוואס מאכען זיי שוין ניט א סוף צו דער מלחמה מיט מא־ראקא, וואס קאסט דעם שפאנישען פאלק ד ר י י מ י ל י א ן פעזאס יעדע וואך?

אבער וועמען ארט עס? ווער אינטע־רעסירט זיך דערמיט? שפאניע איז דאך ניט פון די אויסדערוועהלטע פעלקער.

די שלעכטע לאגע פון די פינישערס אין קלאוק טרייד

(ענטפער צו ב. היימאן)

1

שרייבט זיך ברודער היימאן לעצטע וואך אין אן ארטיקעל מיט דעם איבער־שטעך קעפעל, במקום א באריכט, א, אונ־שולדיגען ארטיקעל וועגען דער לאגע פון די פינישערס און „ביי דהי וועי" גיט ער זיך א רעכען אפ מיט זיינע געגנער אין לאקאל אין שיט דארט ארויס אזעלכע פערעלדיגע זאצען, ווי „אונזערע געגנער, וועלכע האבען זיך ניט אפגעשטעלט פאר קיינע מיטלען אונז צו דיסקרעדיטירען און האבען געזוכט צו קעפטשורען דעם לאקאל, נאר עס האט זיך זיי ניט איינ־געגעבען, מאכען ווידער א פארזוך איצט. אין דזשאינט באארד און אינטערנעשא־נאל שפיעלט מען די ראלע פון לאיאלע און ביי די מעמבערס ווערען זיי גוואל־דיגע רעוואלוציאנערען און זאגען אז די עקזעקוטיוו טוט גאר נישט פאר'ן פיני־שער. אונזערע פינישערס געהען ארום און שטארבען פון הונגער, די ווײדזשעס זינקען נידעריגער ווי דער סקייל און שולדיג איז דער מענערדזשער—היימאן".

דאס זיינען די ווערטער פון ברודער היימאן.

וואס אייגענטליך דאס האט צו טאן מיט דער טעמא „די שלעכטע לאגע פון די פינישערס", ווייס איך ניט. נאר פאר א קאמפיין איז יעדע געלעגנהייט צו זאגען א פאר ווערטער, וועלכע קע־נען ברענגען א פאר וואוטס, ניצליך. אמאליגע צייטען איז די ארבייט פון ווארפען שמוץ אויף געגנער געטאן גע־ווארען פון אנדערע דורך געוויסע קלייז־לאך, מיט היימאן'ס הילף. היינט האט צו דער ניט־אנגענעהמער ארבייט זיך געבאך געמוזט נעהמען ברודער היימאן אליין, און ער איז ארויס, זא צו זאגען, אין אן אפענעם קאמף מיט זיינע געג־נער. אויב אפען, איז אפען. ווילען מיר זיך טאקע דורכריידען און זעהן ווער זיינען היימאן'ס געגנער און פאר וואס זיינען זיי געגנער און וואס ווילען זיי פון איהם און פון דעם יעצטיגען עקזעקוטיוו באארד?

די געגנער, די יעצטיגע רעוואלוציא־נערען, — ווי היימאן רופט זיי, — זיי־נען אלטע באקאנטע אין דער יוניאן. דאס זיינען די יעצטיגע ביזנעס־איי־דזשענטס פון לאקאל און א גאנץ היבשע צאהל אלטע אקטיווע טוער אין דער יוניאן. אויף די סעקשאן־מיטינגען האב איך און אנדערע זיך גאר ניט געשעהמט ארויסצוקומען און זאגען, אז איהר, ברו־דער היימאן, מיט דעם יעצטיגען עקזע־קוטיוו באארד האבען די קאנדישאנס פון די פינישערס פארערגערט און ניט פאר־בעסערט. א יוניאן איז א קאמפס־אר־גאניזאציאן, און יעדען טאג אין יאהר דארף מען זיך מיט אונזערע בעלי־בתים ארומרייסען פאר דער אויפהאלטונג פון די עקזיסטירענדע קאנדישאנס, און דער־צו מוז מען מיט זיי אימער קעמפען פאר בעסערע קאנדישאנס. דאס איז געווען און איז יעצט די אויפגאבע פון אייערע געגנער. מיט דעם האבען זיי זיך אלע מאל אפגעגעבען; דאס איז געווען זייער „אני מאמין". איהר מיט אייערע חברים האבען אבער דעם קאמף פון שאפ ארי־בערגעטראגען אין מיטינג־לאקאל. אנ־שטאט צו פארהאנדלען יוניאן־פראגען, האט איהר ביי די מיטינגען אריינגע־בראכט דעם משוגעת פון לינקיזם און אונזערע מיטינגען זיינען פארשוועגערט געווארען מיט'ן קאמף פון לינקע און רעכטע, סאציאליזם, קאמוניזם, אנאר־כיזם; שאפ דעלעגאטען ליג און טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג; „פרייהייט", „קאלל", „פארווערטס"; אונזער קלייזעל אדער זייער קלייזעל א. ז. וו. מיט איין ווארט, מען האט גערעדט וועגען אלעס אין דער וועלט, נאר ניט דאס וואס האט אינטערעסירט די גרויסע מאסע פיני־שערס.

מיר קענען די פינישערס. מיר ווייי־סען, אז די 7,000 פינישערס זיינען ניט קיין קאמוניסטען, אפילו ניט קיין 10 פראצענט פון זיי. דער עקזעקוטיוו באארד פון די לעצטע 2 יאהר האט זיי נים פארטראטען. נים עס האט אייער עקזעקוטיוו באארד אינטערעסירט די לאגע פון די פינישערס און נים איהר האט נעהאט די פעהיגקייט זייערע פרא־גען אויפצונעהמען און פארטיידיגען. עס איז בלויז געווען א טריבונע פאר דעם קאמוניסטישען גערעדש.

איהר ווארפט אונז פאר, אז מיר באשולדיגען אייך פאר דער שלעכטער לאגע אין פינישער טרייד. נארישקיי־טען! מיר ווייסען צו אונטערשיידען אין וועלכע איבלען עס איז שולדיג די אלגעמיינע לאגע און וועלכע איבלען עס וואלטען געקענט פארמידען און געליג־דערט ווערען ביי א גוטער מענערדזש־מענט אין עקזעקוטיוו באארד.

צום ביישפיל: עס האט זיך די לעצטע 3 יאהר ביי אינז אנגעפאנגען ענטוויקלען די סעקשאן־סיסטעם. שנייד־דעריי, וואס איז אזוי אויך די צווייטע קונסט פון פעדערען פיקען, איז געזונ־קען צו א מדרגה פון ביישטערס, לייי־נערס, באטאן נייערס א. ז. וו. און עס פארשטעהט זיך, אז יעדער טייל ארבייט באזונדער קען טאן אפילו א גרינגע מייי־דעל, און בכלל האט דער סקייל פון די פינישערס גענומען זינקען פון 41 צו 32 דאלאר. וואס האט איהר און אייער וועלט־פארזארגענדער עקזעקוטיוו באארד געטאן דאס אפצוהאלטען? האט איהר געמאכט א פארזוך עפעס צו טאן?

אייערע באציהונגען, צ. ב. ש., צום דזשאינט באארד זיינען געווען אזעלכע, אז איהר האט פאר די פינישערס גאר ניט געקענט טאן. ווי האט איהר גע־קענט ערווארטען עפעס אויפצוטאן, אז איהר האט די גאנצע צייט געשפילט מיט'ן דזשאינט באארד א צו־להכעיס־פאליטיק? איהר זייט געווארען די אפי־ציעלע ניין־זאגער ביים דזשאינט באארד און אפילו אין אזא פראגע ווי קריגען אין מאנכע שעפער א טיים־אגרימענט, זיינט איהר געווען געגען. דער רעזול־טאט איז געווען, אז אגרימענטס זיי־נען געמאכט געווארען אהן אייך און די פינישערס האבען אין יעדען פאל פאר־לארען און ניט געוואונען.

אייער גאנצע רעוואלוציאנערע טע־טיגקייט איז באשטאנען אין האלטען ספיטשעס געגען דעם דזשאינט באארד און אין שרייבען פראטעסט־בריוולאך. וואס איהר האט דערמיט אויפגעטאן ווייסט איהר אליין. מען האט אייך אויסגעלאכט און באטראכט פאר משוגע, און איהר האט זיך פארווינט פאר א ליז, און יעדען טאג לענגער וואס איהר שטעהט אין אפיס אלס מענע־דזשער פון לאקאל ברענגט איהר דעם לאקאל שאדען און ניט קיין נוצען. יע־דען טאג קומען־אויף פראגען פון איינ־צעלנע מעמבערס אין איינצעלנע שעפער. יעדער אנדער לאקאל־מענעדזשער ווייס, אז אחוץ האלטען „קלוגע" ספיטשעס ביי די מיטינגען דארף ער אויך נעהמען אן אנטייל אין יעדען וויכטיגען קאמפליינט און צוזאמען ארבייטען מיט די אפיסערס פון דזשאינט באארד אין יעדער וויכ־טיגער קייס. אבער ווי קענט איהר צו־זאמען ארבייטען מיט די אפיסערס פון דזשאינט באארד, אז קיינער נעהמט אייך ניט ערנסט און אז איהר זייט ברוגז מיט דער „יוניע", אז אפילו מיט די ביזנעס־איידזשענטס פון אייער איי־גענעם לאקאל האט איהר ניט באוויזען צו שאפען א נעהנטערע באציהונג פאר דער צייט וואס איהר שטעהט אלס מע־נעדזשער?

דאס באווייזט אייער גוואלדיגע פע־היגקייט און איינפלוס אויף מענשען.

איהר שרייבט, ברודער היימאן, אז ווען עס האנדעלט זיך אום באקעמפען א געגנער, קען מען איהם אפילו צושריי־בען א לונג־און־לעבער אויפ'ן נאז און מאכען פאלשע באשולדיגונגען. און אין איין וועג צייגט איהר א ביישפיל פון אייער אויפריכטיגקייט און באשולדיגט די אלטע אדמיניסטראציע אין צוטייי־לען דעם פינישערס לאקאל צווישען פאר־שיידענע אנדערע לאקאלען (דאס איז אויך, דאכט זיך, אן אונשולדיגער קעמ־פיין־פונק). איז ערשטענס, ברודער היי־מאן, האב איך — און איך דענק, אז אויך מיינע קאלעגען — נאך היינט ניט קיין חרטה וואס מיר האבען ניט ביי זיך די אלטערײישאן־שניידער מיט די סעמפעל־מאכער. איך זעה ניט דעם גע־ווינס וואס לאקאל 9 וואלט פון דעם געהאט. און חוץ דעם דאכט זיך מיר, ברודער היימאן, אז איהר זיינט געווען א שותף צו דער זאך. איהר זייט, דאכט זיך, גאר ניט געווען געגען דעם, ווען דאס איז געטאן געווארען.

וואס אנבאלאנגט די איטאליענער מעמבערס, ווייסט איהר גאנץ גוט, אז מיר אלע האבען גאנץ שטארק געקעמפט געגען דער טראנספערירונג פון די אי־טאליענער, נאר עס האט אונז ניט גע־האלפען. און דאס וואס איהר ווייזט ארויס אייער טיפען וויסען פון טרייד און מאכט א חשבון, אז וועלכע 6—7 לאקאלען האבען פינישערס, איז עס ניט קיין גרויסער קרעדיט פאר אייך, ברו־דער היימאן. ווער איז אייך שולדיג, אז איהר זייט אזא שלימזל און יעדער איינער איז א חכם און א העלד געגען אייך? א פאר לאקאלס, וועלכע איהר רעכענט אויס, אז זיי האלטען אדער נעהמען אריין פינישערס, האבען קיין רעכט ניט דאס צו טאן. די אלטע אד־מיניסטראציע האט גראדע געזעהן, אז לאקאל 17 זאל ניט האבען קיין פיני־שערס. לאקאל 3 קען זיכער ניט האל־טען קיין פינישערס. לאקאל 82 דארף עס באטראכטען פאר א פריווילעגיע, ווען מען לאזט זייערען א מעמבער פינישען. און אויב עס איז אזוי ווי איהר זאגט, אז די אלע לאקאלען האבען פינישערס, צייגט עס אייער פעהיגע פארוואלטונג פון לאקאל. דאס איז אן ענטוויקלונג אונטער דעם „קאמוניסטישען רעזשים" אין אונזער לאקאל.

דער אונטערשייד צווישען אונז, די רעאקציאנערען אדער רעוואלוציאנערען, ווי איהר רופט אונז, איז וואס מיר הא־בען וועגען אזעלכע זאכען ניט געשרי־בען קיין טעארעטישע אפהאנדלונגען נאר געקעמפט פאר אונזערע רעכטע, און איהר שרייבט בלויז דיסערטאציעס.

איהר באשולדיגט אונז אין וועלען קעפטשורען דעם לאקאל, אין שפילען אן אנדער ראלע אין דזשאינט באארד און אן אנדערע אין לאקאל. וועל, איך גלויב, אז אויף די זאכען איז איבעריג פאר מיר צו ענטפערען. מען קען אונז. פאר די לעצטע 10 אדער 15 יאהר, ווען מיר זיינען טעטיג אין דער יוניאן, האט מען אונז דערקענט און מיר דארפען ניט מעהר ווייזען קיין יחוס־בריף. וואס אנ־באלאנגט אייך, ברודער היימאן, איז, — ווי ניט אנגענעהם דאס איז פאר מיר — מוז איך אייך זאגען, אז פאר א „רע־וואלוציאנערען" ארבייטער־פיהרער פאסט גאר ניט צו שפילען חניפה־פאליטיק אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל און האל־טען רעוואלוציאנערע ספיטשעס פאר די ברידער אין לאקאל. דאס איז א נייע אויפלאגע פון דעמאגאגיע. וואס אנ־באלאנגט קעפטשורען דעם לאקאל — וועל, ווי לאנג איז עס ווי איהר האט געקעפטשורט דעם לאקאל?...

און די מעטאדען, וואס איהר האט באנוצט, זיינען אלעמען באקאנט. עס איז ניט קיין סוד. און עס גלויבט זיך מיר ניט, אז איהר וועט עס לייקענען, אז די קעמפיינס וואס איהר האט אנ־געפיהרט, זיינען געווען דעמאגאגיע און אונפאראנטווארטליכקייט פון נידעריג־סטען סארט. איהר האט געשמוצט און געמאכט ווילדע באשולדיגונגען אויף יע־דען פאראנטווארטליכען באאמטען. איהר האט געשפילט אויף די נידעריגסטע גע־פיהלען פון די מאסען און אויף אזא אופן זיך אויסגעבעטעט א ווייך פלאץ אין לאקאל 9.

אבער עס ווייזט אויס, אז איהר רעדט יעצט אויס פארצווייפלונג. איהר האט דערפיהלט, אז איהר פארלירט דעם באדען. אין דער עקזעקוטיווע האט איהר בלויז א הייפעל אנהענגער. ביי די סעקשאנס שטימט מען שוין ארונטער אייערע רעקאמענדיישאנס און איהר האט זיך צובייזערט.

שא, זייט ניט בייז. איהר שניידט יעצט דעם ווינגר, וואס איהר האט גע־זעסען. איהר ווייסט אפשר דעם פסוק פון פרק „על דאטפת אטפוך וסוף מטיפיך יטופון" — היינט וועהסטו דיין שונא'ס קאפ שווימען, אין די זעלבע וואסערען וועט אמאל דיין אייגענער קאפ שווי־מען. עס איז א נאטירליכער פראצעס, ברודער היימאן, און איהר דארפט זיך גארניט בייזערען. מיר לייקענען ניט, אז מיר ווילען קעפטשורען דעם לאקאל, ווי איהר רופט עס אדער ווי מיר רופען עס — איבערגעבען אין די הענט פון קלא־רע מענשען און פיהרען עס אויף א וועג, וואס זאל ברענגען נוצען דער גרויסער מעמבערשיפ פון אונזער לאקאל.

א. באביטש,
מעמבער לאקאל 9.

2

ווערטער רעדאקטאר:—

ערלויבט מיר צו ענטפערען בר. ל. היי־מאן אויף זיינע באמערקונגען וועגען לא־קאל 82 אין זיין באריכט פון 14טען דע־צעמבער.

עס איז אפילו א מנהג א קאנדידאט מוחל צו זיין א סך נארישקייטען, וואס ווען געזאגט אין אן אנדער צייט, וואלט נים פארשוויגען געווארען. אבער הגם בר. היימאנ'ס באריכט איז א קאמפיין־ארטיקעל, קען איך אבער ניט פארביינעהן זיינע פאלשע באשולדיגונגען געגען לא־קאל 82.

ארגומענטירענדיג, אז לאקאל 9 קאן ניט צומאכען די טירען פאר נייע פיני־שערס, זאגט בר. היימאן, אז ווען לא־קאל 9 נעהמט ניט אריין א מעמבער, „טרעפט ער צו לאקאל 82". זיין באריכט מאכט דעם איינדרוק, אז מיר נעהמען אריין באוואוסטזיניג מעמ־בערס פון א פאך אויף וועלכער מיר הא־בען ניט קיין דזשורisdיקשאן, „כדי (מיט די איינטריט־געלט) צו דעקען די לאקא־לע הוצאות".

דיזער סטייטמענט איז אבסאלוט פאלש און מיר שליידערן איהם צוריק מיט פאראכטונג. נאך מעהר, איינער וואס וויל ווערען ביי אונז א מעמבער, מוז אנ־ווייזען, וואו ער ארבייט יעצט אדער האט לעצטענס געארבייט אלס עקזאמינער, זאנסט ווערט ער אין אונזער לאקאל ניט אריינגענומען.

בכלל האט בר. היימאן, וואס שיקט זיינע פינישערס אפ צו מארקס' „קאפי־טאל", געמעגט זיין מעהר פאראנטווארט־ליך, נים איינצורייידען זיינע מעמבערס, אז ווען יענע לאקאלס, געגען וועלכע ער קיקט אזוי, וואלטען ניט געווען, וואלט לא־קאל 9 זיך געקענט ערלויבען צו צומאכען די טירען פאר נייע מעמבערס. ער ווייס גאנץ גוט, אז א יוניאן, וואס האנדעלט אזוי, העלפט דערמיט צו פארמעהרען די סקעב־שעפער, וועלכע גראבען ביסלאכ־ווייז אונטער דעם פונדאמענט פון דער יוניאן.

וואס איז שייך די ווידערהאלונג פון בר. היימאנ'ס פאר־א־יאהריגע טענה, אז די עקזאמינערס טוען דעם פינישערס אר־ביים, וויל איך זאגען, אז דיזע פראגע איז פון מיר ערלעדיגט געווארען נאך פאר־א־יאהרען. מיינע יעמאלטדיגע ארגומענ־טען האלטען נאך גום יעצט. איין זאך וויל איך איהם זאגען: די עקזאמינערס זיינען נים קיינע „טאם, דיק און הערי". זיי זיינען אלע גוטע פאכלייטע און צי לא־קאל 82 וואלט יע געווען צי ניט, די מענ־שען גופא וואלט ער פון טרייד ניט גע־קענט ארויסטרייבען. נאר אפשר וועט בר. היימאן מיר איבערצייגען, לויט מארקס' „קאפיטאל", אז ער וואלט עס יא קאנען טאן. נו, מא זאל ער.. פאר איין וועגס זאל ער מיר אויך באווייזען, צי די פינישערס פון די קליינע שעפער, וואו די באסעס עקזאמענירען אליין, האבען מעהר ארביים אין דורכשניט, ווי די שע־פער, וואו עקזאמינערס ארבייטען יע, א נים וואס טויג ריידען גלאט אין דער וועלט אריין?

כ'לעבען עס וואלט פיליכט געווען ראטזאם פאר בר. היימאן, ווען ער גיט שוין יא צו, אז בר. ברעסלאו, פון לאקאל 35, איז דער בעסטער לאקאל מענער־דזשער, צו נעהמען ביי איהם א לעסאן אין יוניאן עטיקס. בר. בראסלאו איז א סוקסעס טראץ דעם, וואס, ווי ווייט איך ווייס, איז ער אין דער פרעסע נאך קיין־מאל נים באפאלען קיין אנדער לאקאל. אבער בר. היימאן געהערט, ווי עס ווייזט אויס, צו די מענשען, וואס האבען גאר נים פארגעסען און גאר נים געלערענט... דעריבער משעפט ער זיך צו א צווייטען לאקאל מים פאלשע טענות.

מ. י. אשפיז,
סעקרעטער לאקאל 82.

א ווינטער־מארגען

פון י. אדלער.

ווייס דער גארטען... ווייס די בוימער.
אויף די צווייגען קופקעס שנעע;
ווי עס וואלטען ווייסע טויבען
וויגען, וויגען זיך אויף זיי...

ווייס און זילבערדיג דער דרויסען.
אויף א יעדער, יעדער זאך,
ליגט א מישמוכעל א ווייסער
נאך מיט קוטעסלאך א סך...

און פון שווארצע ציגעל־קוימענס
קרייזעלט זיך א ווייסער רויך;
ציהט פאמעלאך, ווי א תפילה,
צו דער בלויקייט, צו דער הויך...

שטעהט א שווארצער קרא און קראקעט,
דאכטען, דאכט זיך, אז זי שעלט —
זאלען איהרע שווארצע קללות
פאלען אויף דער ווייסער וועלט...

אינשורענס

פאר

קלאוקמאכער

לעבענס פארזיכערונג
20 יאהר ענדאומענט
20 יאהר פיימענט

כאול מעטץ

איצט מיט דער
ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע
110 איסט 23טע סטריט
טעלעפאן: גראמערסי 4224.
הויז אדרעס: 2008 דיילי עוועניו, בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עוו.
צו פארדינגען א גרויסען האל
קאן אריינעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס.
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.
טעלעפאן: הארלעם 9020.

לייף און פייער אינשורענס

מיט סארא פינקעלשטיין
אפעלירט צו די קלאוקמאכער ראם אויב זיי דארפען
אירגענד וועלכע אינשורענס זאלען זיי זיך ווענדען אויף דעם פאלגענדען אדרעס:
SARAH FINKELSTEIN
264 Grant St., New York

אויגען עקזאמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —

אין דר. בעקער׳ס אפטיקעל אפיסעס נעהמט מען ניט קיין טשענסעס. דערפאר איז עס זיכער, אז דר. בעקער׳ס ברילען זיינען אן אמת׳ע הילף פארן אויג: זיי פארשטארקען די זעה־קראפט און באפרייען דאס אויג פון אנשטרענגונג.

אלע ארבייטען ווערען געטאן אונטער דר. בעקער׳ס פערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט.

מאנהעטען:
213 איסט בראדוויי — 2313 זיבעטע עוו.
131 סעקאנד עוו. (קאר. 8טע סט.) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)
111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאקס עוועניו
בראנקס:
895 פראספעקט עוו — 262 איסט פארדאם ראוד
ברוקלין:
1709 פיטקין עוועניו

Dr. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST AND OPTICIAN

די „פונקען“ וועלען פייערן!

ש. דייקסעל׳ס

די ערשיינונג פון
ערשטען בוך דערציילונגען
פרייטאג, 28טען דעצעמבער
אין אורווינג פלייס טעאטער

די הויפט־זאך

איז דער נאמען פון דער פיעסע
ס. גאלדענבורג און מ. וויזענפריינד אין די הויפט־ראלען.

עס וועט זיין פרעהליך און יום־טוב׳דיג אויש פונקען וועלען פליען.

באזארגט זיך גלייך מיט טיקעטס. זייער צאל איז שוין גאנץ קליין. איהר קענט זיי קריגען אין „גאטיק בוך געשעפט“, 2טע עוו. און 11טע גאס און אין באקס אפיס, אין טאג פון דער פארשטעלונג.

באדאנקען די בעאמטע פון יוניאן.

מיר, די ארבעטער פון „פיט בעסט קלאוקס קאמפ.“, 151 וועסט 30טע סט., זייענדיג אויף א שאפ מיטינג דעם 19טען נאוועמבער, דריקען אויס אונזער דאנק צו ברודער לאיאקען, פאר דער גוטער ארבייט וואס ער האט געטאן בעת ער איז געווען שאפ־טשערמאן.

גלייכצייטיג באדאנקען מיר אויך דעם ביזנעס איידזשענט פון אונזער דיסטריקט ברודער בצלאל.

די פרעס קאמיטע:
גאלדבוים, מעמב. לאקאל 1.
סעם בראון, לאקאל 35.

סקוירטמאכער

פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

א מיטינג

ווערט גערופען פון אלע סקוירט. מאכער פאר
דאנערשטאג אבענד, דעצעמבער 27
7.30 פינקטליך.
אין יוניאן בילדינג
231 איסט 14טע סטריט, אויפ׳ן 5טען פלאר.

איהר זייט אויפגעפאדערט צו באזוכען דיזען מיטינג ווייל וויכטיגע טרייד פראגען וועלען פארהאנדעלט ווערען. ווי אויך נאמיניישאן פאר מענעדזשער וועט שטאטפינדען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23.
י. הערמאן, טשערמאן. מ. לינד, מענעדזשער.

דעזיינערס פארלאנגט מען אלעמאל

א גוטע פראפעסיע פאר מענער און פרויען
לייכט אויסצולערנען, ברענגט גוטע פארדינסטען

נעמט א פראקטישען אונטעררייכט אין דער מיטשעל סקול אין דעזיינינג פון קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר קאוטס און מענער־קליידער. א קורס אין דער מיטשעל סקול מיינט צו קריגען א גוטע שטעלע און א גרעסערען געהאלט. הונדערטע מענער און פרויען האבען שוין די מיטשעל סיסטעם געלערענט און מאכען היינט א שעהן לעבען. איהר קענט עס אויך טאן.

די מיטשעל סקול און דעזיינינג און פעטערן מייקינג איז געגרינדעט געווארען מיט איבער 50 יאהר צוריק און האט דערגרייכט:

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאדען
בעסטע רעזולטאטען

פערזענליכער אונטעררייכט. טאג און אווענט קלאסען. מעסיגע באדינגונגען. שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט נאך א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפארמאציע.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקול.

אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
15 WEST 37th STREET, NEW YORK
Phone: Fitz Roy 1674

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאלט לייענען דיזען לעטער מיט אפענע אויגען, וואריום מיר ווילען פארהיטען אייער געזונט.

איהר זאלט וויסען, דאס די ווייער־ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און בי־ליווייע וואס מיר האבען ביז יעצט געניצט פאר די שעפער, זיינען געמאכט געווארען אזוי, דאס ווען די משינען זעצען אריין די ווייער באגיסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפט צו מיט א לייוונט, אום די ווייער זאל ניט ארויסקריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאכט פון א ברענענדע שטאף וואס באזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פארעט דאס מיט וואסער און מיט הייסען אייזען, נעהט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואס דאס קען זיין שעדליך.

זאגאר פילע ארבייטער פון אונזער שאפ האבען זיך באקלאגט אויף א הארץ־שוואכקייט. אן אונטערזוכונג פון א דאקטאר האט געציינט, דאס די שטארקייט פון דעם צעמענט שאדט דאס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאס אן „קאנסאמפשאן־ברעטלאך“.

מיר האבען די לעצטע צייט גענומען צוקלאפען די ווייער־ברעטלאך אויף פראסטע שטיקער האלץ. נאר יעדע האלץ האט אין זיך א געוויסע צאהל פעך, און ווען איהר צעווארימט די צעמענט פון דער ווייער־ברעטעל און די האלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאר אייער געזונט! מיר האבען געאפערט שווערע געלט צו מעכאניקער זיי זאלען געפינען א מיטעל צו מאכען א ווייער־ברעטעל אהן צעמענט און אהן האלץ, אבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצוארבייטען.

אבער יעצט קענען מיר אייך אנזאגען א גרויסע שמחה, דאס מיר האבען יעצט באקומען א נייעם פעטענט אויף א ווייער־ברעטעל, וואס קיין צעמענט און קיין האלץ ווערט ניט געברויכט דערצו — מיר האבען ערפונדען אזא סארט לייוונט, וואס איז געמאכט פון קופער, און מיר האבען איינגעפיקסט מאשינען, וואס טשעפען־צו די ווייער ברעטעל צו די קופער־לייוונט און עס קומט ארויס גוט און ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער־ברעטלאך זיינען ווייך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז וועגט נאר 2 פונט אנשטאט וואס די שטיקער האלץ וועגען 16 פונט. איהר וועט באוואונדערען די צופרידענהייט פון אונזער נייעם פעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט, און דערצו איז דאס אזוי שטארק, דאס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אלטען סטייל. מיר געבען אייך אן עצה — ווארפט אראפ פון אייער ארבייטס־טיש די שווערע הילצערנע ברעטער. ווארפט אויך אראפ די שמוציגע פארפעכטע לייוונט, וועלכע עס עקעלט אין האנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האלץ! נידער מיט די פארפעכטע לייוונט!“

אויב מען דארף ביי אייך אין שאפ א ווייער־ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פלאש אדער בילווייע, קויפט אונזער נייעם פעטענט די קופערנע לייוונט.

מיר לאדען איין אלע פרעסער און דעזיינערס, ווי אויך אייערע באסעס, זיי זאלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונדערבארען פעטענט ווייער־ברעטעל, וועלכער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פרעסער און געזונט אין פאקעט אייער באס, ווייל עס קאסט ניט טייערער פון די אלטע שמאטעס.

עס איז אנעריקענט געווארען אין די גרעסטע שעפער פון ניו יארק פאר די בעסטע ברעטלאך, וואס איז ווען געווען.

צו באקומען ביי די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 2220.

ביטע פריינדליך, ניט דיזען לעטער ארוו. צו אייער באס.

THE ROGIN
VEGETARIAN RESTAURANT
Pure and Wholesome Food
No can goods served.
Open day and evening.
29 St. Marks Pl., New York

קויפט אויסשליסליך
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

גאמפערס און די אימיגראציאנס פראגע

(שלוס פון זייט 11)

וואס די אידישע אימיגראנטען, ווען זיי קומען אהער, פאלען אריין אין איין באשטימטער אינדוסטריע, און דיזע אינדוסטריע — נאדעל טריידס — ווערט באטריבען, באוואסערט און באפראנצט און באשיינטען פון פריהער־אנגעקומענע אימיגראנטען, מיט א פאמיליען־פארבינדונג צו די נייע אימיגראנטען. דאס מאכט אידישע אימיגראציאן אין אמעריקא פאר א גאנץ באזונדערע פראגע, ווי די אלגעמיינע אימיגראציאנס־פראגע אין לאנד. איך האב דערפאר געצווייגען א שלום, אז אונזערע אידישע כלל־טוער וואלטען נעדארפט אפטיילען די פראגע פון אידישער אימיגראציאן פון דעם אלגעמיינעם פראבלעם, ווען זיי טרעטען ארויס פאר פרייער אימיגראציאן. עס וואלט אפשר געווען „ענגאיסטיש". איך האב אבער געגלויבט און גלויב אויך איצט, אז מיר אידען קענען זיך פארגינען צו זיין „ענגאיסטען" — נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז אונזערע ברידער־אימיגראנטען פון אנדערע פעלקער, וועלכע קומען צוזאמען מיט אונז אין דיזען לאנד און וועלכע זיינען זיכער פון לענדער, וואו מיר האבען געלעבט מיט זיי אין שכנות, שעהמען זיך שוין גאר ניט פאר „ענגאיזם", אין זייער באציהונג צו אונז דארטען, אין דער אלטער היים, פון וואנען סאי מיר און סאי זיי קומען. איך גלויב, אז מאנכע כחות, וועלכע זיינען אימיגראציאנס־פיינדליך בכלל, וואלטען געקענט איבערגעצויגען ווערען אויף אונזער זייט, ווען די אידישע אימיגראציאנס־פראגע וואלט אויסגעטיילט געווארען פון דעם אלגעמיינעם אימיגראציאנס־פראבלעם. טאקע די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג, צום ביישפיל. אויב די אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר ציהט ליניעס און גיט צו, דורך איהר העכסטען פארשטעהער, אז ניט צו אלע סארטען אימיגראציאן איז די ארבייטער־באוועגונג פיינדליך, וואלט אלזא די א. פ. און ל. געקענט לייכט איבערצייגט ווערען, אז אידישע אימיגראציאן איז פון דעם סארט אימיגראציאן, געגען וועלכער זי דארף ניט ארויסטרעטען. אז די א. פ. און ל. איז א גרויסע קראפט אין דער באשטימונג פון באשרענקטער אימיגראציאן, קען דאך פון קיינעם ניט אפגעלייקענט ווערען. נו, וואלטען מיר אט די קראפט געקענט האבען מיט אונז.

זאגט קאלעגע מיימאן, אז עס איז ניט ראטזאם אפצוטיילען אידישע אימיגראציאן פון אלגעמיינער אימיגראציאן, וויל עס וואלט — — — פארורזאכט אנטיסעמיטיזם. דאס איז ערשטענס. און צווייטענס, זאגט ער, איז מען אין וואשינגטאן טאקע געגען אידישער אימיגראציאן. און דריטענס — — — ווייס איך ניט, זאגט ער, אז די א. פ. און ל. שפילט א קנאפע פאליטישע ראלע אין וואשינגטאן, און מען וועט זיך ביי איהר סאיווי ניט אנפרעגען וועלכע אימיגראציאן אויפצונעהמען און וועלכע ניט ארייצולאזען.

וועל איך טאקע צוגעבען, אז קאלעגע מיימאן איז א גרויסער בקי אין וואשינגטאנער ענינים. א ברירה האב איך — איך מוז עס צוגעבען. ווער וויל עס פוגע בכבוד זיין א קאלעגע, און אזא גוטען קאלעגע, ווי ברודער מיימאן איז?

אבער זאל ער מיר מוחל זיין. דא איז דאך א פשוט'ער ממה־נפשך: איז עס אמת, וואס ער זאגט, אז אין וואשינגטאן איז מען טאקע און הויפטזעכליך געגען אידישע אימיגראציאן, טא וואס האט ער מורא פאר אנטיסעמיטיזם, וואס קען קומען פון אפטיילען אידישע אימיגראציאן פון דער גאנצער אימיגראציאנס־פראגע? איז דאך שוין דער אנטיסעמיטיזם דא! פארוואס־זשע ניט נעהמען די פראגע פאר די הערנער? פארוואס ניט טשעלענדזשען דעם אנטיסעמיטיזם? פארוואס טאקע ניט דורך עפענטליכע קאמיסיעס אויפקלעהרען די ספעציפיש־עקאנאמישע זייט פון אידישער אימיגראציאן און די ספעציעלע קרעפטען, איבער עקאנאמישע, וואס טרייבען די אידישע וואנדערונג, און וואס אלע צוזאמען מאכט עס גאר פאר א באזונדערען פראבלעם — פארוואס דאס ניט טאן? פארוואס קענען מיר, די אידישע ארגאניזירטע ארבייטער, ניט באציינען דעם פראבלעם, אלס א טייל פון דער אלגעמיינער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג פון לאנד? די אלגעמיינע ארבייטער־באוועגונג קען זיך זיין געגען אלגעמיינער פרייער אימיגראציאן; זי איז דאך אבער זיכער ניט דוקא געגען א י ד י ש ע ר אימיגראציאן! פארקעהרט, איך וואג צו זאגען, אז די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג וואלט ארויסגעטראטען פאר אידישער אימיגראציאן, אויב עס וואלט ביי אונז געווען אן ענטשלאסענהייט אפצוטיילען אידישע אימיגראציאן פון דער אלגעמיינער אימיגראציאן!

וואס איז ווידער שייך די „פאליטישע ראלע" פון דער א. פ. און ל., וועגען וועלכער איך „איבערטרייב", לויט קאלעגע מיימאן, איז דא ווידער א ממה נפשך: אלע אידישע כלל־טוער רייסען די זייטען פון דער א. פ. און ל. פאר וואס זי קעמפט אזוי ליידענשאפטליך פאר באשרענקען אימיגראציאן; אויב זי שפילט ניט קיין ראלע, אויב אין וואשינגטאן פרעגט מען זיך ביי איהר ניט אן וועגען דעם — טא פארוואס זיך שלאגען מיט'ן ווינט? וועט קאלעגע מיימאן זאגען, אז א „קאץ קען אויך קאליע מאכען" — נו, טא לאמיר כאטש די קאץ צונעהמען פון דער טיר.

דער אמת אבער איז, אז די א. פ. און ל. איז שוין גאר ניט קיין קאץ. אין דער אימיגראציאנס־פראגע איז זי א מאכט, א גרויסער כח. און אט דער כח האט געקענט אריבערגעצויגען ווערען אויף אונזער זייט.

• גאמפערס'עס ארטיקעל איבער אימיגראציאן אין א זונטאגדיגער „ווארלד" איבערצייגט מיך נאך מעהר אין דעם.

אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט.

די קלאסען פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט מיטען שבת פון 1.30 נאכמיטאג און זונטאג פון 10.30 אין דער פריה. די קלאסען מיטען אין די וואשינגטאן אירווינג הוי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סט. ,ניו יארק, רום 529.

וועלכע קלאסען עס ווערען דארט געגעבען וועלען די לעזער געפינען אויף זייט 4 פון דער צייטונג.

קלאוק אפערייטארס

מעמבערס פון לאקאל 1, א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם.

אונזער עקזעקוטיוו באארד אנאנסירט דאס קומענדען זונטאג, דעם 23טען דעצעמבער, וועלען פאלגענדע לעקטשורס אפגעהאלטען ווערען אין דאון־טאון און בראנקס דיסטריקטס.

דאון־טאון — הלל ראגאף

וועט באהאנדלען זיין 2טע לעקטשור איבער דער טעמע

„די ציוויליזאציאן אין אמעריקא"

אין פארווערטס בילדינג, 175 איסט בראדוויי
רום 4, 12 אוהר שארפ.

בראנקס — מ. לעווין

וועט פארזעצען זיין סעריע לעקטשורס איבער דער טעמע

„די ארבייטער באוועגונג"

אין ענגלאנד, פראנקרייך און אין אמעריקא.
אין אונזערע קלאב רומס, 1581 וואשינגטאן עוועניו
10 אוהר פריה.

די לעקטשורס זיינען פון דער העכסטער וויכטיגקייט מיט וועלכע אונזערע מעמבערס דארפען זיין באקאנט.

אלזא, אויב איהר ווילט עפעס לערנען מוזט איהר רעגעלער אטענדען צו די לעקטשורס און קומען אין צייט.

עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 1.

ל. הארוויטש, טשערמאן. ל. ליוויי, מענעדזשער־סעק.

קלאוק אפערייטארס

מעמבערס פון לאקאל 1, אויפמערקזאם.

א ספעשעל דזשענעראל מעמבער מיטינג

ווערט אפגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג אבענד, דעם 27טען דעצעמבער

7 אוהר אבענד

אין מאנהעטען ליסעאום

66 איסט 4טע סטריט

דיזער מיטינג ווערט ספעציעל גערופען אום אויפצונעמען און פארהאנדלען די רעקאמענדאציעס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל וועלכע וועלען געשטעלט ווערען אלס פארדערונגען צו אונזערע בעלי בתים ווען דער אגרימענט מיט זיי וועט זיך נעקסטען יאהר ענדיגען.

ביי דיזען מיטינג וועלען די ברידער זיגמאן, דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און י. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, געבען באריכטען וועגען די רעקאמענדאציעס און דעם שטאנדפונקט פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

אלזא, ברידער, ווי איהר זעהט איז דער מיטינג פון העכסטער וויכטיגקייט פאר דעם וואהלזיין פון אלע מעמבערס און איהר זייט דאריבער אויפגעפאדערט ניט צו פארפעהלען צו קומען.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 1.

ל. הארוויטש, טשערמאן. ל. ליוויי, מענעדזשער־סעקרעטער.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35

דרעס פרעסערס, אויפמערקזאם!

1 מיר מאכען ספעציעל אויפמערקזאם די דרעס פרעסער, דאס לויט אן אלטען באשלוס פון דער יוניאן, טארען זיי ניט ארויפנעהמען פרעסער אין שאפ פון מארקעט. אויב מען דארף נאך פרעסער אין א שאפ דארף מען זיי ארויפנעהמען דורכ'ן **אפיס פון דער יוניאן.**

2 יעדער פרעסער אין שאפ מוז האבען א ווארקינג קארד פון דער יוניאן. אהן אזא קארד טאר קיינער ניט ארבייטען.

3 קיינער זאל ניט ארבייטען אווערטיים, אויב אין שאפ איז דא א לידיגער „ביגעל באארד". א פריעהר מוזען זיין אויסגעפילט אלע פלעצער איידער מען נעמט ארבייטען אווערטיים.

די פונקטען מוזען אפגעהיט ווערען, ווען ניט, וועלען די באטרעפענדע פערזאנען גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע פון דער יוניאן און וועלען שטרענג באשטראפט ווערען.

אין נאמען פון

עקז. באארד לאקאל 35

דזשיימס ברעסלאו, מענעדזשער.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט־בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען, שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער.

נאטירליך, עס פאדערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפירט, ווי אזוי די געזעצען פון סטייט און שטאט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.

פאר דיזען צוועק האט די נעטשוראליזיישאן אייד ליגע ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם ביכעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען". אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס. די נעטשעראליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפראך און גיט א פאלשטענדיגען באגריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע, וועלכע געהען ארויסנעהמען סיטיזען פאפירען. די פראגען זיינען איבערגעגעבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען נים גענוג די ענגלישע שפראך.

דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. V. No. 52. New York, Friday, December 28, 1923 פרייטאג, 28טען דעצעמבער, 1923 PRICE 3 CENTS

דער 7טער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון גענעראל עקזעקוטיוו באארד

סעקרעטער בארא'ף מאכט באקאנט, דאס דער נעקסטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון גענעראל עקזעקוטיוו־באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל וועט זיך עפענען מיטוואך, דעם 9טען יאנואר, אין פילאדעלפיע. דאס וועט זיין דער 7טער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דעם באארד. דער פלאץ וואו דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען וועט קירצליך באקאנט געמאכט ווערען. די לאקאלס און מעמבערס וואס האבען צו שיקען צושריפטען פאר דעם מיטינג קענען דאס שוין טאן. זיי קענען עס שיקען צו סעקרעטער בארא'ף אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סט., ניו יארק.

אין דער צייט ווען דער מיטינג וועט געהאלטען ווערען וועט שוין געוויס באקאנט זיין דער רעזולטאט פון דער רעפערענדום־אפשטימונג, אין וועלכער שטאדט עס זאל זיין אונזער נעקסטע קאנווענשאן און אויף דעם מיטינג וועט אויסגעקליבען ווערען א קאנווענשאן־קאמיטע צו מאכען אלע נויטיגע פארבארייטונגען פאר דער קאנווענשאן. הויפט־זעכליך אבער וועט דער מיטינג זיך פארנעהמען מיט'ן פעסטשטעלען אלע איינצעלהייטען אין באצוג דער קאנסטרוקטיווער פראגראם, וואס דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט אויסגעארבייט אויף זיין לעצטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין שיקאגא. איצט, ווען דער פראגראם איז דיסקוטירט און גוטגעהייסען געווארען פון די דזשאינט באארדס און פון די מעהרסטע פון אונזערע לאקאל יוניאנס, וועט דער באארד די זאך נאך מעהר באפעסטיגען, אזוי, אז אלץ זאל גרייט זיין, ווען די דאזיגע פראגראם וועט דארפען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. דאס וועט זיין נאר אין דער נאהענטער צוקונפט, ווען די איצטיגע טרייד־אגרימענטס, וואס אונזערע יוניאנס האבען מיט די באלעבאטים, וועלען אויסגעהן און מען וועט דארפען אנפאנגען זיי צו באנייען.

לאקאל 22 מאכט נאמינײשאנס פאר מיטגלידער צום עקזעקוטיוו באארד

עקזאמינײשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע וועט מיטען דעם שבת. — אלע נאמינירטע קאנדידאטען מוזען ערשיינען פאר דער קאמיטע.

ווי עס איז געווען געמעלדעט אין די „גערעכטיגקייט", זיינען לעצטען דאנערשטאג אווענט איינגערופען געווארען מעמבער־מיטינגען פאר די מיטגלידער פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22, צו מאכען נאמינײשאנס פאר 19 עקזעקוטיוו באארד מעמבערס אויף דעם פלאץ פון די אויסגעשלאסענע, וועלכע זיינען געפונען געווארען שולדיג אויף דער קלאגע פון מיטגלידער פון דעם לאקאל, דאס די דאזיגע עקזעקוטיוו באארד מעמבערס האבען גענומען ארדערס פון אויסזיידיגע פערזאנען און אזוי נאך אוועקגעשטעלט דעם לאקאל אונטער'ן רשות פון אן אפאזיציע־קערפערשאפט, וואס איז א טויט־פיינט פון אונזער אינטערנעשאנאל.

לאקאל 22 איז איצט אונטער דער פירערשאפט פון די פארבליבענע מיטגלידער אין דעם עקזעקוטיוו באארד, צוזאמען מיט א קאמיטע פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, ביז וואנען די נייע מיטגלידער פאר דעם עקזעקוטיוו באארד וועלען ערוועהלט ווערען, אויסצופילען די ליידיגע פלעצער, און אונטער זייער אויפזיכט ווערען געמאכט די וואהלען. די נאמינײשאן־מיטינגען לעצטען דאנערשטאג זיינען גלייכצייטיג פארגעקומען אין מאנהעטען און אין די בראנקס, אין ברוקלין און בראנזוויל, און יעדער מיטינג איז געפיהרט געווארען פון איינעם פון דער קאמיטע פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

ווי מען האט עס געקאנט ערווארטען, איז ביים אנפאנג פון די מיטינגען פארגעקומען א טומעל. דער „לינקער" עלע־

(שלוס אויף זייט 2)

א דיסטריקט קאונסיל פון די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו דזשוירזי סטייט

ניט לאנג צוריק האבען מיר געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", דאס די לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אין קאנעקטיקוט סטייט האבען באשלאסען צו גרינדען א דיסטריקט־קאונסיל, אום צו קענען מיט פאראייניגטע כחות בעסער אנפיהרען דעם קאמף געגען די באלעבאטים וואס האבען „אפען־שאפ" אין יענער געגענד. די מעהרסטע פון יענע לאקאלס זיינען נאך יונג, זיינען געשאפען געווארען אין די לעצטע צייט, דורך דער טעטיגקייט פון דעם אינטערנײשאנאל איסטערן דעפארטמענט, פון וועלכען וויים־פרעזידענט האלפערין איז מענעדזשער.

יעצט קומט פאר דאס זעלביגע אין ניו דזשוירזי סטייט. אונטער'ן אויפזיכט פון דעם ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט זיינען אויך דארטען געשאפען געווארען אייניגע נייע אינטערנײשאנאל לאקאלס און עס איז דארט ענטשטאנען א באוועגונג צו פארמירען א דיסטריקט קאונסיל פאר געמיינשאפטליכער ארבייט וואס איז נוגע די אלע לאקאלס.

אין ניו דזשוירזי האט גענומען אויף זיך די איניציאטיווע לאקאל 21, די קלאוקמאכער יוניאן פון נוארק, וועלכער איז דער עלטסטער לאקאל אין ניו דזשוירזי סטייט. די פראגע איז אויפגענומען געווארען אויף א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 21, און עס איז באשלאסען געווארען איינצורופען א קאנפערענץ פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס אין ניו דזשוירזי סטייט, מיט'ן צוועק צו גרינדען א דיסטריקט קאונסיל. דער קאנפערענץ וועט פארקומען דעם 16טען יאנואר, 1924.

עס איז צו האפען, דאס אלע אונזערע לאקאלס פון ניו דזשוירזי סטייט וועלען מיט פרייד אויפנעהמען די נייעס און וועלען שיקען דעלעגאטען צו דער איינגערופענער קאנפערענץ. ווען א דיסטריקט קאונסיל וועט געגרינדעט ווערען, וועט ער געוויס טאן גוטע ארבייט צום

(שלוס אויף זייט 2)

רעזולטאט פון די לעצטע אינספעקשאן פון דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל

דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל פון דער קלאוק, סוט, דרעס און וויסט אינדוסטריע פארעפענטליכט איצט דעם רעזולטאט פון דער לעצטער אינספעקשאן אין די אלע שעפער און עס זיינען דא אייניגע אינטערעסאנטע ציפער. די אינספעקשאן איז געמאכט געווארען אין די מאנאטען סעפטעמבער און אקטאבער, 1923.

די אינספעקטארס האבען אונטערזוכט 1939 שעפער אין דער קלאוק־ און סוט־אינדוסטריע און 2281 שעפער אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע. צוזאמען 4220 שעפער. דאס ציינט, אז עס זיינען צוגעקומען שעפער אין ביידע אינדוסטריעס. עס זיינען צוגעקומען 275 שעפער אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע און 738 אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע. דאס איז די גרעסטע צאהל שעפער וואס די אינספעקטארס האבען געפונען, זינט דער דזשאינט באארד און סאניטארי קאנטראל מאכט זיינע אינספעקשאנס.

אין דער צייט ווען די אינספעקשאן איז געמאכט געווארען זיינען אין די שעפער פון ביידע אינדוסטריען געווען באשעפטיגט 56,425 ארבייטער — 30,937 מענער און 23,488 פרויען.

פארטיילט די ארבייטער צווישען ביידע אינדוסטריען קומט אוים ווי פאלגט:

אין דעם קלאוק און סוט אינדוסטריע — 27,927 — 21,577 מענער און 6350 פרויען.

אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע, 28,498 — 9,360 מענער און 19,128 פרויען.

וואס עס ווארפט זיך אין די אויגען מעהר פון אלץ איז די גרויסע צאהל נייע שעפער וואס די אינספעקטארס האבען דאס מאל געפונען. מיט א יאהר צוריק

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 52.

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש — שלוסען פון זייט 1.
זייט 3. מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — ל. לאנגער. דער יובילעאום פון די געווערקשאפטען.
זייט 4. עדיוקײשאנאל נאטיצען.
זייט 5. די יוניטי הויז אין פארעסט פארק — א באריכט פון דער יוניטי הויז קאמיטע.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. נייעס פון באסטאן — א באאבאכטער.
זייט 7. א בוים (א בילד) — תלוש. אין שאפ (געדיכט) — ל. מילער. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן. נייעס פון יוניאן העלטה סענטער.
זייט 8. פון רעדאקטארס נאטיץ ביכעל.
זייט 9. ארבייטער בייגקינג און קאפיטאליזם — דר. הערמאן פראנק.
זייט 10. טאלאנט צום לעזען — ע. עם. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. קורצע שמועסען. און קיין שניי איז אלץ ניטא (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 12. ארווערטייזמענטס.
זייט 13, 14, 15 און 16 — אינהאלטס פארצייכניס פון די „גערעכטיגקייט" פאר'ן יאהר 1923.

וואהלען ביי די ליידיס טיילארס פאר לאקאל באאמטע

דעם שבת, דעם 29טען דעצעמבער, וועלען פארקומען וואהלען אין דער ליידיס טיילארס יוניאן, לאקאל 38, פאר אלע לאקאל באאמטע, פאר דעם קומענדען יאהר. די וואהלען וועלען פארקומען אין אפיס פון דער יוניאן, 877 6טע עוועניו. שטימען וועט מען קענען פון 12 מיטאג־צייט, ביז 3 אוהר פארנאכט.

מיר ווילען דא ניט מאכען קיינע אפילס צו די ליידיס טיילארס, פאר וועמען זיי זאלען שטימען. מיר גלויבען, אז זיי זיינען אינטעליגענט גענוג צו וויסען, וועלכע פון די קאנדידאטען אויף'ן באלאט זיינען ווערט צו באקומען זייער שטימע. זיי ווייסען געוויס, וועלכע פון די קאנדידאטען אויף'ן באלאט האבען באמת די אינטערעסען פון דער יוניאן נאהענט צום הארצען, און דאס נאר אזעלכע פארדינען מען זאל שטימען פאר זיי.

דאס, אלזא, לאזען מיר איבער צו די מעמבערס אליין. מיר אפעלירען אבער יע צו די ליידיס טיילארס, זיי זאלען קומען שטימען. זאל קיינער פון זיי ניט טראכטען, אז עס וועלען שוין זיין גענוג מעמבערס וואס וועלען קומען שטימען און פאלגליך קען ער בלייבען זיצען אין דער היים. דאס איז א זעהר שלעכטער געדאנק. עס איז די פליכט פון יעדען מעמבער, ערשטענס, צו קומען זיך באטייליגען אין די וואהלען פון זיין יוניאן און דאן, ווען מען געהט שוין שטימען נאכצוזעהן וועלכע קאנדידאטען עס זיינען די בעסטע פאר די אמטען, און שטימען טאקע נאר פאר די בעסטע, פאר די וואס וועלען אם בעסטען און געטרייסטען פארטרעטען די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון די מעמבערס.

זאלען די ליידיס טעילארס ניט פארפעהלען צו טאן זייער פליכט צו דער יוניאן, וואס דאס מיינט אייגענטליך אויפצופאסען אויף זייערע אייגענע אינטערעסען.

ה. ראגאף וועט לעקטשורען אין קלינטאן האל דעם זונטאג, 12 אין דער פריה.

ה. ראגאף וועט לעקטשורען איבער „די ציוויליזאציאן פון אמעריקא" דעם זונטאג, 12 אוהר אין דער פריה, אין קלינטאן האל.

די לעקציעס וועלען פארטגעזעצט ווערען יעדען זונטאג אין דער פריה אין דעם זעלבען פלאץ און אין דער זעלבער צייט, דורכ'ן גאנצען סעזאן.

איינטריט פריי צו מיטגלידער פון דער אינטערנײשאנאל.

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

די אינטערנעשאנאל יוניאן באנק, וואס וועט זיין די באנק פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין ניו יארק, וועט זיך עפענען שבת, דעם 5טען יאנואר, 1924, אויפ'ן קארנער 21טע סטריט און 5טע עוועניו.

די באנק וועט האבען אלע ברענטשעס פון א מאדערנער באנק־אינסטיטוציע און וועט דינען די ארבייטער אין אלע צווייגען פון ביינקינג. די מיטגלידער וואס ווילען קויפען א שער פון דער באנק קאנען עס גלייך טאן אין איינעם פון די אפיסעס פון אונזערע יוניאנס.

אינטערניישאנאל יוניאן באנק

א פאר וויכטיגע פאקטען וועגען דער אינטערניישאנאל באנק וואס עפענט זיך דעם ערשטען שבת אין יאנואר

שבת, דעם 5טען יאנואר, 1924, עפענט זיך די גרויסע ארבייטער באנק. דיזע באנק וועט זיין גרויס און זיכער. מיט א זיכערקייט, מיט וועלכע אלע וועלען זיין שטאלץ.

---

1. — דיזע באנק איז ארגאניזירט פון די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אינטערנאשאנל פאר ווארקערס יוניאן, אינטערנעשאנאל העט און קעפ מייקערס יוניאן, אינטערנעשאנלא פאקעט בוק און פענסי לעדער גודס ווארקערס יוניאן, און אנדערע ארגאניזאציאנען. צוויי הונדערט טויזענד ארגאניזירטע אידישע ארבייטער שטעהען הינטער דיזער נייער באנק.

2. — דיזע באנק עפענט זיך מיט א קאפיטאל פון $250,000 און א סורפלוס פון $250,000. דאס מיינט אז דעפאזיטארס אין דיזער באנק וועלען זיין דאבעל פארזיכערט. פאר יעדע הונדערט דאלאר שעהרס וואס ארגאניזאציאנען אדער איינצעלנע בעגשען האבען געקויפט אין דיזען באנק, האבען זיי אריינגעלייגט עקסטרא הונדערט דאלאר פאר סורפלוס צו פארשטארקען די זיכערהייט פון די דעפאזיטס.

3. — דיזע באנק וועט זיין די ערשטע ארבייטער באנק אין סאמע הארץ פון דעם לײדיס גארמענט סענטער פון ניו יארק. זי וועט זיך געפינען אויף דער פינפטער עווענױ, קארנער 21טע סטריט, אין רעכטען מיטען פון די נאדעל טריידס.

4. — דער מענעדזשער פון דיזער באנק וועט זיין מר. פיליפ ר. ראדריגעז, וועלכער איז געוועזען פאר יאהרען און יאהרען פארבונדען מיט דער מערקאנטיל באנק און מיט די קארן עקסטשיינדזש באנק, און וועמעס ערפאהרונג אין בענקינג איז באקאנט אין אלע בענקינג קרייזען פון ניו יארק.

5. — העלפט פון די פראפיטען פון דיזער באנק, איבער דעם דיווידענד פאר שערהאלדערס, וועט געהן צו די דעפאזיטארס אין דער פארמע פון עקסטרא פראצענטען אויף זייערע דעפאזיטס. די רעגולע פראצענטען פאר סייווינג דעפאזיטס וועלען זיין 4 פראצענט.

6. — דיזע באנק וועט זיין א פולשטענדיגע באנק אין אלע הינזיכטען. זי וועט האלטען אייערע סייווינגס דעפאזיטס, זי וועט פארוואלטען אייערע ביזנעס דעפאזיטס, זי וועט איבערשיקען געלט קיין רוסלאנד, פוילען, איטאליען און אנדערע לענדער, אין אמעריקאנער דאלארס, און זי וועט פארקויפען שיף־טיקעטס פאר אריבערברענגען קרובים.

7. — עס איז ווינשענסווערטה אז וואס מעהר ארבייטער און סימפאטייזער זאלען זיין פארטנערס אין דיזער באנק. שרייבט צו ברודער פיליפ קאפלאוויץ, 25טע סטריט און לעקסינגטאן עווענױ, ניו יארק, וועגען קויפען איינע אדער עטליכע שעהרס.

די בעאמטע און דירעקטארען פון דער אינטערנעשאנאל יוניאן באנק:

א. בארא̈ף, פרעזידענט
פיליפ ר. ראדריגעז, וויס־פרעזידענט און מענעדזשער
פיליפ קאפלאוויטש, קעשיר

דירעקטארען:

מארים זינמאן, דזש. ברעסלאוו, דזש. העלער, י. פיינבערג, סאלוואטארע נינפא, י. שעהנהאלץ, דזש. פיש — אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן

מארים הילקוויט

ב. פ. וולאדעק, מענ. פון „פארווערטס“

מארים קויפמאן, פרעזידענט פון אינטערנעשאנאל פארייערס יוניאן

מאקס צוקערמאן, סעק.־טרעזשורער פון אינטערנעשאנ. קעפמייקערס יוניאן

א. וואלינסקי, מענעדזשער פון אינטערנעשאנאל פענסי לעדער גודס יוניאן

קורץ און שארף

(שלוס פון זייט 10)

הוט, איז קלייבענדיג נדבות, אלס באלוינונג פאר זייער „קונסט“. כען האט שבער איז דער לעצטער צייט אויסגעפונען, אז די ראזינע מוזיקבענדס ווערען ארגאניזירט פון געוויסע אונטערנעהמער, וועלכע צאהלען די מוזיקאנטען א וועכענטליכען וויידזש. איז עס איז א סברא, אז די ארגאניזירער פון אט די ראזינע מוזיק בענדס פון בעטלער מאכען גלענצענדע געשעפטען. היינט נעה טרעף אכשר, וואס איז פאקט און וואס — פיקשען?

די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון אטלאנטא דזשארדזשיא האט אריינגעשיקט צום גאווערנאר פון אטלאנטא פאלגענדען פראטעסט געגען די טעקסעס אויף דעם ארבייטער'ס פארדינסטען: „מיר ערקלערען, אז דער איינקאם טעקס דארף נאר אנגעווענדעט ווערען אויף די וועלכע האבען א ן א י נ ק א ם. דער פרייז שבער פון א טאג ארבייט איז ניט קיין איינקאם. דער ארבייטער האט בייגעטראגען זיין בלוט און כח אין אויסטויש אויף וויידזשעס. די וויידזשעס ווערען פארברויכט אויף דעם ארבייטער'ס לעבענס באדערפניסע. און איינער וועלכער טייל פון דעם וויידזש, וואס דער געזעץ נעמט צו פון איהם, מיינט עס, אז ער נעמט צו א טייל פון זיין לעבען.“ איז דאס ניט א גערעכטע טענה? אבער ווער וועט זיך צוהערען צו איהר?

אן אינסטאליישאן מאס מיטינג אין דער קאטערס יוניאן לאקאל 10.

(שלוס פון זייט 1.)

עקזעקוטיוו באארד און אלע אנדערע באאמטע פאר'ן לאקאל.

דעם שבת, 1:30 בייטאג, וועט די יוניאן האבען א מאס מיטינג אין ארלינגטאן האל, אין סט. מארקס פלייס, אויף וועלכען די אלע ערוועהלטע באאמטע וועלען אינסטאלירט ווערען. די אינסטאליישאן־צערעמאניע וועט דורכגעפיהרט ווערען פון פרעזידענט מארים זינגמאן.

רעדען וועלען געהאלטען ווערען פון די פאלגענדע רעדנער: אב. בארא̈ף, סעק.־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאנאל; י. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד; ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט“; דייוויד דובינסקי, מענעדזשער פון לאקאל 10 און נאך אנדערע.

נאך דעם ווי די אינסטאליישאן וועט געמאכט ווערען, וועט דער מיטינג איבערגעהן צו די געוועהנליכע יוניאן־ארבייט. אויף דעם מיטינג וועט אויך פארגענומען ווערען אן אפשטימונג, וואו עס זאל זיין די נעקסטע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל, אין באסטאן אדער אין באלטימאר.

„קאנטעמפט און קאורט קיים“ אין דעם קעמדען סטרייק

(שלוס פון זייט 1).

נאגען פאר די סטרייקער און געגען דער פירמע. זיי זיינען געקומען דערצעהלען דעם דזשאדזש ווי אזוי די פירמע זוכט כסדר צו „פריימען“ די סטרייקער, כדי צו ברעכען דעם סטרייק.

דזשאדזש אינגערסאל האט אויסגעהערט ביידע צדדים, און וועט קירצליך ארויסגעבען זיין ענטשיידונג. דערווייל זיינען איניגע סטרייקער פון דעם שאפ פארהאלטען צו ערשיינען פאר די גרענד דזשורי.

דער סטרייק אין קעמדען שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון דעם איסטערן אינטערנעשאנאל ארגאניזאציאנס־דעפארטמענט, פון וועלכען וויס־פרעזידענט האלפערין איז דער מענעדזשער, און עס ווערט גאנץ ענערגיש געארבייט. דער סטרייק זאל געוואונען ווערען טראץ די אלע פארפאלגונגען און „פריים אפס“ פון דער פירמע געגען די סטרייקער. די סטרייקער זיינען ענטשלאסען צו סטרייקען אזוי לאנג ביז די פירמע וועט געצוואונגען זיין נאכצוגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער.

אבדזשעקשאן קאמיטע פון לאקאל 1 ביי דער ארבייט.

(שלוס פון זייט 1)

ווארען, זאל זיי קיינער אין דעם ניט שטערען, און אז אין אמט זאלען זיין די וואס וועלען באקומען די גרעסטע צאהל שטימען. מיט איין ווארט, די קאמיטע פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט טאן דאס בעסטע, אז נאך די היינטיגע וואהלען אין דעם לאקאל זאלען ניט בלייבען די פאסקודנע נאכוועהענישען, וואס זיינען געבליבען נאך די וואהלען אין דעם לאקאל.